STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05920

# GEZANG FUN KONTINENTN

Eliezer Aronowski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אַראָנאָווסקי

# גנעזאַנג פון קאנטינענטן

לידער און פּאָעמען

פאַרלאַג „האַוואַנער לעבן"
האַוואַנאַ, קובאַ
1951

ELIEZER ARONOWSKY

# *"Gesang fun Continentn"*

# CANTAR DE CONTINENTES

## Cantos y Poemas

COPYRIGTH 1951
by Eliezer Aronowsky
Habana - Cuba

## אָפּטײלונגען:

1 — פּוילן — 1937

2 — על שבר בת עמי —
(קדושים און העלדן)

3 — ישראל.

4 — פּאַריז.

5 — קובאַ.

מיין מאַמען, מיין ברודער און שוועסטער —
רחל, משה און פרומע —
מיט אונזער גרויסער משפחה,
וועלכע זענען פאַרפייניקט געוואָרן
על קידוש השם,
צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן
קדושים וטהורים
פון דעם אייביקן אידישן פאָלק —
צום הייליקן אָנדענק.

# פוילן

1937

# הערבסט אין שטעטל

פוילע, גרויע טעג.
פליט פארביי אַ קראָ;
פליען אָפּ אזוי
פיר און צוואנציק שעה.

הייזלעך איינגעוויקט
אין כמורנעקייט און נעץ.
גלאָצן נאַסע שויבן —
פאַרשאָטענע מיט קרעץ...

איבער לוזשעס, בלאָטעס,
שפּרייזן שאָטנס אום.
ביי דער זייט די בוימער —
טרויעריקע, שטום...

הוילע, דארע צווייגן,
פאַרשטיינערטע סקעלעטן,
רופן דורכן שווייגן —
קושן דיך און גלעטן...

נעמט אדורך א שוידער
טיף ביזן געביין;
פאַלט אַרויף אַן אימה
אויף דאָס שטעטעלע אַליין...

טוליען זיך די הייזער
איינס צום צווייטן צו,
און אין זיי די מענטשן
געפינען ניט קיין רו...

ציט זיי איבער לענדער,
איבער ווייטע ימען,
כאָטש אויף אַלע שוועלן
שווערע שלעסער צאַמען...

טרוימען זיי, און האָפן,
דאָס שטעטל צו פאַרלאָזן;
און פון ווייטן ווינטן
כרויעריקע בלאָזן...

פוילע, גרויע טעג.
פלוט פאַרביי א קראָ;
פליען אָפּ אַזוי
פיר און צוואַנציק שעה.

# עס וויינט ניט מער
# די ווערבע

עס וויינט ניט מער די ווערבע,
דער טאָג האָט איר דערפרייט...
אַ העלן הימל־צויבער
איבער איר פאַרשפּרייט...

אין ווייסן איינגעטוליעט,
מיט פערעלאַך באַשנייט, —
דערט זי ווי עס הוליעט
דער ווינטל אויפן פלייט...

פייפט ער אויס ניגונים
פון דער ווייסער וועלט;
הערט מען זיינע טענער —
ציטערט מען פאַר קעלט.

הייצט מען איין די אויוונס.
און מען פעלצט זיך אָן;
ווער עס האָט קיין קליידער —
קלאַפּט ער צאָן אָן צאָן...

ווינטער איז געקומען,
און עס בלאַנקט די וועלט;
בלימען אויף די שויבן
קיינעם ניט פאַרפעלט.

עס וויינט ניט מער די ווערבע —
דער שניי האָט איר דערפרייט,
און אַ ווייסן חלום
איבער וועלט פאַרשפּרייט...

## שנייִ דו ביזט צעגאַנגען

שנייִ דו ביזט צעגאַנגען,
בלאָטיק איז געוואָרן,
און מיין ווייסן חלום
האָב איך אָנגעוואָרן...

ווידער גרויע הייזער,
מיט די שווארצע דעכער;
און א פיינלעך־טרויער
שוימט אריבער בעכער...

גימזשעט כמורנער דרויסן
טיפער נאָך אין הארצן;
און די הוילע בוימער,
ווי סקעלעטן שטארצן...

שלינגט מיך איין דער אומעט,
נאָגט מיך ווי א וואָרעם:
און אויף יעדן איינעם —
זע איך, ווארטן קברים!...

לויפט מיר דורך א ציטער,
צ סקרוך איבער די ביינער;
כ'זע פון אַלע זייטן
פליען אויף מיר שטיינער...

שניי, דו ביזט צעגאַנגען,
בלאָטיק איז געוואָרן;
ניט איין יונגן לעבן,
קירצט מען אָפּ די יאָרן...

# ש ט אַ ב י ן

שטעטל מיינע!
איך בין צו דיר פון ווייט געקומען,
און געקושט פון פרייד די טריט.
האָסט אויפגענומען מיך מיט „בלומען“;
שטיינער און „פּאַשאָל וואָן, זשיד“!...

און אויף דעם פּלאַץ פון מיין וויגל
וואַקסן איצטער ווילדע גראָזן,
ניטאָ קיין זכר פון דער שטעטל
וואָס איך האָב אַמאָל פאַרלאָזן.

בלויז דער קאַשטשאָל איז פאַרבליבן,
מיט די אַלטע, פוילע פּגרים,
און דער יידישער בית־עלמין
אין די מאָך פאַרטונקטע קברים.

נאָר די באַברע איז די זעלבע
מיט דעם שטילן, גרויען וואַסער,
און די ווייגענדיקע ווערבעס, —
געבוירענער און בלאַסער...

און פון ווייגע זיבן בריקן
איז איין־און־איינציקער פארבליבן;
און די זיבן וואסער־ראָוון —
פארשאָטן און פארטריבן.

שטיי איך ביי דיין וואסער,
איך טונק אָפּ מיינע הענט, —
מיין קינדהייט די פארשוואונדענע
האָב איך צוריק דערקענט.

אַט דאָ בין איך געלאָפן
אַ נאקעטער ביים ברעג,
געפּליושקעט ווי אַ פישל
אין הייסע זומער טעג.

די מאַמע האָט מיך געטראָגן
אַ ציטעריקן צום גראָז,
און אָנגעטאָן מיר זאַכן
אין ווינטלדיקן בלאָז.

און איך בין זיך געלאָפן
אַ באָרוועסער אהיים,
איבער זאַמד און שטיינער,
אין בלאָטעס און אין ליים.

און אַלץ האָט געזונגען
אונטער מיינע טריט,
און יעדער שטוב און שטיבל
אין פריידן האָט געבליט.

און דו, מיין קליינע שטעטל,
ווי גרויס ביזטו געווען! —
כ'האָב דער גאנצער וועלט
דאָן אין דיר געזען.

און היינט, איך בין מיט דיר
און קען דיר ניט דערקענען, —
עס דריקט מיך אויף דאָס האַרץ
אין מרה־שחורה קלעמען...

# אין דער מאַמעס הייזל

אין דער מאַמעס הייזל,
שרייב איך איצטער לידער.
איך בין א קליין־קינד
היינט געוואָרן ווידער...

און די מאַמע שטאָפּט מיך
מיט כל־ערליי מאכלים,
און פּאַר יעדן ביסן —
„באַטש נעם און באַצאָל אים“...

און איך בעט זיך: מאַמע,
איך קען מער ניט עסן —
לאַכט זי פון מיין חכמה...
זי וויל פון דעם ניט וויסן.

ברענגט זי פרישע מילך,
נאָר וואָס פון דעם אייטער, —
טרינק איך אויס א גלאָז,
און זי גיסט שוין ווייטער...

און פוטער, געל ווי וואקס,
און קעזלאך, ווייסע, פרישע,
און טארטן און געבעקס,
און איינגעמאכטסן זיסע.

א העכטל פון דעם פאנג,
ער צאפלט נאך אין טעלער,
ברויט, קארטאפל, האלץ,
פון שטוב, פון שטאל און קעלער.

פון אייגן פעלד און וואלד,
ביי דער מאמעס טיש,
פון איר אליין געבאקט,
ווי ליב איז עס און זיס!

און זי קוועלט פון פרייד
קוקנדיק אויף מיר, —
זי גלויבט ניט, און זי גלויבט
איר קינד איז לעבן איר!

# כ׳האָב געזען דער זון פאַרבלוטיקט
# אין דעם ניעמאַן

### (סוכאָוואָלער פּאָגראָם)

כ׳האָב געזען דער זון פאַרבלוטיקט אין דער ניעמאַן,
דעם פּנים איינגעשרומפּן, פאַרצערט און פאַרקלעמט;
דינע שטראַלן־ריטשקעס — בלוט פון פרישע וואונדן —
געציטערט אין דעם וואַסער, הכנעה׳דיק פאַרשעמט...

איך האָב איר פאַרשטאַנען, איך האָב איר געפילט,
כ׳האָב מיין אַלטער היים געפונען פּאָגראָמירט: —
בערגער, בערגער־שטיינער געשליידערט אויף די אידן,
חרוב׳דיקע הייזער מיט קרושלאַך גלאָז באַצירט...

פערצן הונדערט שויבן אין שטעטל אויסגעהאַקט,
אויף בוידעמער, אין קעלערם אַלע זיך צולאָפן,
און אַלץ געלאָזן הפקר פאַר די ווילדע הינט...
וואָס האָבן מיט די שטיינער אין די קעפ געטראָפן.

ליגט אין בעט א גוסס, דעם קאָפ פאַרבאַנדאַזשירט,
אויפן וואנט דער שפּיגל ביכעט אין גרימאַסן...
און דער לאָמפּ צעקרושלט גלאָצט מיט ווילדער שרעק,
און די ווענט זיי זיפצן מיט בלוט־געפלעקטע פאַסן...

וואו מען גיט אַ טראַט — בערג און בערג מיט שטיינער!
טישן, שטולן, אויוונס — צעלעכערט, צעבראָכן;
וואָיעט, ווי אַ ווינט, אַ ציטער דורך די ביינער —
די אימה און די שרעק האָט אַלעמען דערשטאָכן...

ציטערט מען ארויסגיין אַ טראָט איבערן שטעטל,
אַז די גאַס לעם הויז איז אויך פאַר דיר ניט זיכער...
קומט נאָר אָן דער אָוונט — פאַרריגלט און פאַרשלאָסן,
ווי עס וואָלט אין דרויסן געבושעוועט אַ וויכער...

זיצט מען אין די הייזער, פאַרבאָרגן אין די ווינקלען,
ווייט פון אַ פענסטער — עס זאָל קיין שטיין ניט פליען...
און אונטער שוואַרצן שאָטן פון דעם קליינעם לעפל
וועלקט אַ גאַלדן יוגנט וואָס געדאַרפט האָט בליען...

כ'האָב געזען דיר זון, פאַרבלוטיקט אין דעם ניעמאַן,
דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן, טיף אין צער פאַרקלעמט,
און ווען עס האָט מיין בליק מיט דיינעם זיך באַגעגנט,
האָבן מיר זיך ביידע, פאַר דעם טאָג פאַרשעמט...

# איבער די ווישאַנער בערג

די נאַכט איז געווען העל־בלוי,
מיר זענען געאַרעמט געגאַנגען
איבער די בערג אַט אזוי,
שטורעמס מיט ווילדע פאַרלאַנגען.

פון איין באַרג צום צווייטן אַרויף,
אין תּלל פון בלענדיקן צויבער,
וואו עס זינגט דער אין־הסוף
דאָס ליד פון דעם אייביקן גלויבער.

און וואונדער פון וואונדער געשעט, —
ביי יעטווידן באַרג איז אַ וואסער,
און אין יעטווידן וואַסערל זעט,
די לבנה איר פּנים אַלץ בלאַסער...

•

מיר שטייען פאַר'חלומ'ט אין נאַכט
און גלויבן אַליין ניט די אויגן, —
צו איז עס אַ חלום פאַרטראַכט,
צו איז עס פון פינגער געזויגן?

איז באמת די וועלט אזוי שוין
אזוי ווי דאָ אויף די בערג,
וואו ימ'ען פארכישופטע חן
פליסן פריי אומגעשטערט?!

און דער, וואָס גייט דאָ פארביי
ווערט אויך פאַרכישופט אַליין, —
אַלץ שיינט אויף דאָס ניי,
עס זינגט יעדער גראָז, יעדער שטיין.

זינגען מיר אַלע אויך מיט,
הארציק אַזוי אין דער נאַכט,
טאַנצן אויך אונזערע טריט
איבער די בערג פאַרטראַכט.

איז עס אין חלום, צו וואָר?
מיר קענען אַליין ניט פאַרשטיין,
אָט באַלד, אָט נאָך אַ האָר
וועלן אונזערע הערצער צעגיין...

עפּעס לייזט זיך דאָ אויף
די ווירקלעכקייט אין טרוים,
און מיר פליען ארויף
ווי שטערן אין דעם רוים.

און אויס בארג, אויס טאָל,
אויס וואַסערל, אויס שיין;
עס קלינגט אין דער נאַכט א קול —
מיר וועלן באַלד שטערנדלעך זיין...

# קינדערלעך מיינע

**אווערעמעלעך און שרה׳לעך — געווידמעט.**

קינדערלעך מיינע! טייבעלעך צוויי,
כ׳פיל אז איר בייגקט דאָרט נאָך מיר;
כ׳ווייס, אז אין הערצעלע קלעמט אייך אזוי, —
איר וואַרט מיר שוין אָפּ ביי דער טיר...

נאָר ווייט איז דער פּאַפּעלע, ווייט, זייער ווייט,
ער איז איצט אויכעט אַ קינד. —
ער זיצט לעם זיין מאַמען אַ קורצינקע צייט,
און קוקט ווי זי שטריקט, ווי זי שפּינט...

פון פרי ביז שפּעט אין דער פינסטערער נאַכט
אַ קליידל און ספּעדערל שטריקט;
די פינגער זיי טאַנצן, דער פּעדימל לאַכט,
דאָס גאַנצע הויז איז באַגליקט!...

עס זינגען די ווענט, די שטולן, דער טיש,
דער אויוון, דער פּולאָפּ און דיל,
אין דרויסן איז כמורנע, פויל, און נאָס. —
אין שטוב לייכטן זונען מיר פיל...

באַלד וועל איך קומען, קינדער, צו אייך,
מיר וועלן זיך זינגען צוזאַמען
דעם ליד, וואָס פליסט פון מיר ווי אַ טייך,
די פרייד, פון צו זיין לעם דער מאַמען!...

און קושן וועל איך אייך אַט אַזוי,
ווי עס קושט מיך די מאַמעלע איצט,
און כאַטש אירע האָר זענען שוין גרוי,
פון די אויגן — אַ יוגנט־פונק בליצט...

און אַט דעם פונק זויג איך אַריין,
טיף אין מיין האַרצן פאַרבאַהאַלט,
מיט אים וועל איך זינגען פון יוגנט און שיין,
ווען איך וועל שוין זיין גרוי און אַלט...

קינדערלעך מיינע, פויגעלעך צוויי,
איך פיל ווי איר בענקט דאָרט נאָך מיר;
כ'וועל איינביכן קומען צו אייך,
מיט פרייד וועל איך אויפפראַלן טיר.

## איך וועל קומען צו דיר

מינען — מיט ליבע

איך וועל קומען צו דיר מיין געליבטע,
איך וועל גליען צוריק אין דיין אָרעם;
טיף אין מיין האַרץ אַזאַ בייִנקשאַפט
נאָגט מיר, אַזוי ווי אַ וואָרעם.

כ׳וואָלט איצטער דיין לייב צוריסן
מיט מיינע פאַר׳תאוה׳טע ציין,
די ליפּן ביז בלוט צעביסן. —
דו פילסט עס, דו ווייסט עס אליין...

צאַמען מיך הארבסטיקע טעג
פון דיינע, די ליכטיקע אָפּ.
נאָך אַ נס, וואָס איך ליג דאָ אוועק
אויף דער מאַמעס קישן מיין קאָפּ.

כ׳וואָלט אָן דיר, מיין נשמה,
אַ מינוט אין דער פרעמד ניט געלעבט;
מיר האָבן פון ווייטן דערפילט
ווי טיף מיר זענען פאַרוועבט...

ס'האָט אונזער ליבע קיין גרונט,
ס'האָט אונזער בענקשאַפט קיין ברעג;
שטורעמט אַזוי אויף דאָס האַרץ
אַ טראָג מיך שטורעם אַוועק!

דאָרט צו מיין ליכטיקער היים,
וואו עס זיצט מיין געליבטע און וואַכט,
און חלום'ט און טרערט אין געהיים,
אין שטילקייט פון טראָפּישער נאַכט.

דו ווייזט עס פּאָר קיינעם אַרויס,
דו לאַכסט און שמייכלסט זיך פריי,
כ'פיל, ווי דאָס האַרץ דיינס גייט אויס,
כ'ווייס ווי דו ביזט מיר טריי.

די טעג — זיי פליען אַוועק,
ווייט אינעם אָפּגרונט פון צייט.
אויף אונז וואַרט אַ גאָלדענער שטעג
אין בליאיקן פרילינג באַנייט...

# פוילן

פוילן! — אַמאָל זענען חיות געווען אין די וועלדער,
און היינט — אין די שטעטלעך און שטעט!
שטיינער און מעסערס, קוילן און סם,
פאַרמעסטן זיך אין אַ געוועט.

דאָרטן — באַרימט זיך אַ ריזיקער שטיין, —
האָב איך צעפּלוטיקט אַן אידישן קאָפּ;
ענטפערט אַ מעסער: — טיף אין געביין
האָב איך אין רוקן געגעבן אַ שאָב...

לאַכט אַ קויל ביידן זיי אויס: —
מ׳קען דאָך דערקענען די האַנט וואָס שיקט!
איך גיב אַ פלי, אָט אַזוי זיך אַרויס,
אַ בליץ אין דער לופט און אַ האַרץ איז צעפליקט.

רופט זיך אָפּ דער בעכער פון סם: —
וואָס פאַר אַ נייסן טוט איר דאָ אויף?
איר האָט געהערט פון דעם קונץ מן הסתם —
מען גיט מיך אַ שלונג און אַן עק און אַ סוף.

לאַכט פון דער ווייטן אַ פּאַליאַק וואָס שטייט: —
וואָס דאַרפט איר זיך קריגן צוליב אַ זשיד?
וואָס מערער איר ראַמט זיי אָפּ דורכן טויט,
אַלץ פרייער באַוועגן זיך אונזערע טריט!

אַ שאָד צו פאַרלירן אויף רייד, אַ מינוט!
ווען מעסער איז שאַרף, און קויל איז געשליפט;
זעסטו אַן איד — איז צאַפּ אויס זיין בלוט!
פאַרוואַרף אים אַ שטריק אויפן האַלז, און פאַרשטייף!

שטייט זיך אַ איד פון דער ווייטן און קוקט,
און שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר מעסער און קויל...
מען האָט אונז ניט איינמאָל אין געטאָס פאַררוקט,
געפייניקט, געממית'ט ביז שווידער און גרויל!

דאָך שטייען מיר ווידער פאַרויס אין דער ריי,
קעמפער פאַר פרייהייט איבער דער וועלט!
די בלוטיקע נאַכט וואָס איז איצט — וועט פאַרביי,
דער טאָג וועט פאַר אַלעמען אויפגיין צעהעלט.

# טשערוואָני-בור

## פּ אָ ע מ ע

**לייוויקין מיט ליבע.**

.1

אין דעם גרויסן סאָסנע־וואַלד
בּערגלט זיך אַ שטעטל,
ווי אַן אויסטערליש געשטאַלט
ווי אַ הערבסטיק בּלעטל...

וואוינט אַ מנין אידן דאָרט,
און אפשר — גאַנצע צוויי;
כּוטשעט מען זיך אויפן אָרט
מיט צרות אַלערליי...

קומט דער שבת דאָרט צו גיין
פילט מען זיך דערהויבן;
אַז מענטש איז עלנט ווי אַ שטיין —
גלייבט ער גאָט צו גלויבן.

ציגדן ליכטעלאך זיך אן,
שמייכלען דורך די שויבן.
עפעס האָט די גאַנצע וועלט
איצטער זיך דערהויבן.

און דער גרויסער וואַלד אַרום
מיט די סאָסנע בוימער,
איז געוואָרן איצטער פרום,
שעפּטשעט ווי אַ טרוימער.

אַלץ איז שבת'דיק פאַרהילט,
פול מיט קדושה איז די לופט,
און אין האַרץ אַ ניגון שפּילט
צו די הויכע הימלען רופט...

קלינגט דער מזמור פון דער שול
איבער געסלעך, איבער דעכער,
און ער טראָגט זיך אין דער נאַכט
טיפער, ווייטער נאָך און העכער...

„אַ גוט־שבת" „אַ גוט־יאָר" —
קלינגען האַרציק שטימעס.
עס וואַרט די חלה אויפן טיש
און די פיש, און צימעס.

.2

לאָזט מען זיך אהיים,
יעדער אויף זיין שטעג,
לייערן געהיים —
פינסטערע שלעק...

האָגלט מען מיט שטיינער
פון דער שוואַרצער נאַכט;
דער קריטשעט מיט די ציינער
און דער טייוול לאַכט...

טוליען זיי זיך צו
צו דעם אַלטן רב,
רינגלען אים אַרום,
ווי צעשראָקן שאָף...

גייט אַ קנויל פון שרעק
איבער שטיינער־וועג,
און פון שול צום רב —
פירט אַ רויטער פלעק...

די קאָפּ פאַרבאַנדאַזשירט. —
קינדערלעך ניט וויינט!
ס'האָט ניט איינער אונז
געפּייניקט און פאַרשטיינט...

דאָך לעבן מיר אזוי
צוויי טויזנט יאָר שוין באַלד,
מיר בלייבן אייביק יונג,
כאָטש מיר זענען אַלט...

וואַרפט מען אונז אַ שטיין,
צאַפּט מען אונזער בלוט,
וואָס העלפן קען געוויין —
פאַרקערט — נאָך מער מיט מוט!...

גיט אַהער דעם כוס,
שבת זאָל היינט זיין!
פרייד גיסט אַן אין האַרץ,
און אין כוס — דעם וויין!

מיר זענען דאָך געוואוינט
צו טרינקען אָט דעם וויין
צוזאַמען מיט דאָס בלוט,
וואָס רינט אין אים אריין.

איז לחיים אייך!
אויף צו להכעיס זיי! —
גיסט אָן נאָך א כוס,
זאָל מען טרינקען צוויי.

שבת איז דאָך היינט,
פריידן אויף דער וועלט! —
וואו ס'וואוינט א איד —
זאָל לייכטן זיין געצעלט!...

געדעקט זאָל זיין דער טיש,
ווי אָרעם זאָל ניט זיין! —
ס'איז שבת אויף דער וועלט
טאָר ניט זיין קיין פיין...

# על שבר בת עמי

(קדושים און העלדן)

# אויף דעם חורבן פון דער
# נאָענטער וועלט-קריג

אָפּגעבליט האָט די רויז,
און די פויגל — אָפּגעזוונגען;
פון דער ווייטן הערט מען בלויז
עכאָס, פון דער צייט פאַרשלונגען.

עס קראַקעט איצט די קראָ
איבער אַלע בוימער, דעכער,
און וואָס פינסטערער די שעה —
קראַקעט זי שטאַרקער און העכער...

ס'קומט אַ שטאָק פינסטערע נאַכט,
ס'וועט אַ מענטש זיך אַליין ניט דערקענען;
פלאַקערן וועט בלוטיקע שלאַכט,
און די גאַנצע וועלט וועט ברענען...

לענדער, פאַרווישט מיטן פלאַם,
צעפליקט פון באָמבעס, גראַנאַטן;
פעלקער, פאַרלענדט מיטן סם —
צעשטיקט פון גיפטיקע גאַזן.

און ווען די נאכט וועט פארגיין,
די זון וועט קומען אויף טאָגן, —
א גסיסה'דיקער, שטילער געוויין
איבער דער וועלט וועט זיך טראָגן...

ס'וועלן אַלע פארלירן דעם קריג,
קיינער וועט גאָרניט געווינען;
און די, וואָס וועלן קומען צוריק —
וועלן אראָפּגיין פון זינען...

אַ קוימען, אַ וואַנט — פון דער שטאָט.
די פריינט, די נאָענטסטע דערשטיקט,
קיין זכר פארבליבן פון זיי —
פון שטשורעס צעגריזשעט, צעפליקט...

אַ חורבה געוואָרן פון וועלט.
יעדערער ווינטשט זיך דעם טויט...
וואו נאָר אַ קער און אַ ווענד —
מיט מענטשלעכער פּגרים פארזייט...

11-טער מאַי 1936

# האָסט דער וועלט
# אַ סך צו זאָגן...

**לייזער ראַנ'ען —**
**דעם יונג־ווילנער.**

האָסט דער וועלט אַ סך צו זאָגן
און נאָך מערער — צו פאַרשווייגן,
וואָס קען העלפן דיר דאָס קלאָגן
צו געפאַנגענע אין שטייגן...

מוזט דעם ווי אין זיך פאַרשטיקן,
ס'זאָלן טורמע־ווענט ניט וויסן —
ווי אין הארצן טיפע פליקן,
ווערט פון אייגענעם געוויסן...

נאָר ס'מאַטערט דיר און פייניקט,
אַט די פוסטעניש פון לעבן;
ס'איז דאָ קיינער ניט פאַרייניקט
צו אַ ברידערלעכן שטרעבן...

יעדער איינער איז באַזונדער —
כאַטש געפלאָכטן איז מיט אַלע;
ס'איז אַ וואונדער, נאָך אַ וואונדער,
יאָס פון טראָפּנס ווערט אַ כוואַליע...

דאכט זיך, אלע דארט צוזאמען
שפרייזן מוטיק צו איין ציל,
און פארדרינגלען אלץ אין פלאמען
און אן ענדע צו דעם שפיל...

נאר צום סוף צוריק גאר חושך
ווערט ארום גאר, פון דעם פלאם,
און אין יעדן טראפן האניק —
פילסטו גאליקייט פון סם...

לאזט זיך וואגלען מיט דער מחנה
פון פאריאושטע געמיטער,
ס'איז ניטא פאר דיר קיין טרייסטער—-
אין דעם פיינעדיקן ציטער...

האסט א סך דער וועלט צו זאגן
און נאך מערער צו פארשוויגן;
ביז ס'וועט אנהויבן צו טאגן, —
ניט איין נאכט וועט נאך פארביגיין...

# אַ טאָג פּליט אַפּ

אַ טאָג פּליט אַפּ, אַ נאַכט פּליט צו,
אַזוי פאַרפּליט די צייט:
איידער וואָס און איידער ווען,
עס איז דער סוף ניט ווייט.

נעכטן נאָך אַ קינד געווען,
קיין יוגנט ניט געהאַט;
און איידער וואָס און איידער ווען —
שוין אויסגעשפּילט און מאַט.

ערגעץ קלינגט נאָך אין דעם רוים,
דער וויג ליד פון דער מאַמען,
ביז דער עלטער וועט פאַרגיין —
אים באַוויינען שוין מסתמא...

אַ פויגל־פלי, אַן אויגנבליק —
און אָפּגעלעבט און אויס!
דאָך וויפל פּיין, און וויפל מי,
קומט אויף יעדן שפּאַן אַרויס?...

אַ טאָג פליט אַפּ, אַ נאַכט פליט צו —
אַט נאָר וואָס אים געזען,
און שוין! — מען פירט אים צו זיין רו..
ווי גאָרניט וואָלט געווען.

# כ'האָב ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין לעבן

כ'האָב ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין לעבן,
דעם גלויבן אין פֿרייהייט, דעם גלויבן אין זיג,
כאָטש פֿינסטערע כוחות, פֿאַשיסטישע, וועבן
אַ שרעקלעכע, גרויליקע, בלוטיקע קריג.

כ'האָב ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין מענטשן,
כאָטש ווילד און צערייצט, ווי א חיה אין וואַלד,
שפּרינגט ער אַרויף אויף זיין אייגענעם ברודער,
אזוי ווי אַ טיגער אין מענטש־געשטאַלט.

כ'האָב ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין ליכט,
כאָטש יעדן טאָג פֿינסטערער ווערט אויף דער וועלט; —
פֿרויען און קינדער די ערשטע אין ריי
פֿאַלן אויף די באַריקאַדן צעשטעלט.

כ'האָב ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין לעבן,
כאָטש פֿעלקער זיך ווערגן אויף פֿאַשיסטישן שטריק,
ווען פֿאַרייניקטע פֿראָנטן מיליאָנען פֿאַרוועבן,
מוז מען פֿאַרייניקט געווינען דעם קריג!

## ס׳נאַכט

איך טאָר עס ניט רופן: די נאַכט!
ווייל, וואָס איז דען דאָרטן דער טאָג?
איז ניט דען גרעסער דער קלאָג,
וואָס ווערט מיטן טאָג דאָרט געבראַכט?!

און זענען די שטערן דען ניט
פינסטערע עדות פון טויט,
וואָס האָט איבער וועלט זיך פאַרשפרייט
מיט בלוטיקע, וואונדיקע טריט?

און וואָס טויג מיר דער שיין,
וואָס זיי ווימלען אראָפּ דאָ צו מיר?
דאָס זענען דאָך בלוטיקע שניר
געצויגן פון גרויליקן פיין!...

זיי האָבן אפילו קיין טרייסט
אין זייער הימלישן טראַכט....
אַ פינסטערע, בלוטיקע נאַכט
אוואו דו שטייסט און דו גייסט...

מיר גייען ווי שאָטנס דאָך אום,
און וועלן ווי שאָטנס פאַרגיין...
אפשר וועט בלייבן אַ שטיין
אַ זכר פון אונזער אומקום...

# מיין מאַמע

דאָרטן ביי דער באַברע,
אין אַ קליינער שטעטל,
וואוינט מיין קראַנקע מאַמע,
איינזאַם אויף דער עלטער.

א בינטל הויט און ביינער,
אין אַ קאָפּ אַ גרויע,
און די שווארצע אויגן —
וואָס אַ טאָג אַלץ קעלטער.

קינדער, איבער וועלטן,
זויים, צעזייט, פאַרשפּרייט...
פאַריאָגטע, פאַרטריבן
פון הונגער, פּיין און נויט...

קומט פון צייט צו צייט
אַ בריוול פון דער ווייט —
ווערט דער טאָג אַ יום־טוב,
און די וועלט — באַנייט...

קושט זי יעדן אות
מיט די טרערן אויס...
אויסגעביטן קינדער —
אויף פאפירלעך בלויז...

זיי שרייבן: ס'איז זיי גוט.
צי איז עס ניט גענארט?...
זיי ווילן איר ניט ווי טאָן —
צימערט איר דאָס האַרץ...

זי פאַרשטייט, זי פילט —
די קינדער ליידן דאָרט!
כאָטש אין די בריוו —
ניטאָ פון דעם קיין וואָרט...

לייענט זי די בריוו
הונדערט מאָל זיי אויס,
ביז פון יעדן אות
וואַקסט אַ סוד אַרויס...

# שטעטל מיינע אונטער פלאַמען...

שטעטל מיינע אונטער פלאַמען
פון באָמבערס און קאַנאָנען,
איך הער דעם קרעכצן פון דער מאַמען
צווישן קרעכצן פון מיליאָנען!

קומט איר שטימע פון די חורבות,
וואָס זענען דאָרטן נאָך פאַרבליבן?
צי פון דעם וויסטן וואַנדער־וואָגל,
וואו די שרעק האָט זיי פאַרטריבן?

צי איז זי דאָרטן מיט די קינדער
אונטער באָמבע־קראַך געלאָפן,
צי איז יעדערער באַזונדערע,
אָן איינזאַמער אַנטלאָפן?

וויפל טעג שוין ליידט זי הונגער?
האָט זי כּוח נאָך צו גיין?
ליגט זי ניט אַמאָל אַ קראַנקע
ערגעץ אייניקע אַליין?...

מאַמע מיינע, מאַמע מיינע!
זאָל איך כאָטש פון דיר נאָך הערן —
אַז איר זענט אַרוים מיט לעבן —
אין אַ בריוו, געווייקט אין טרערן...

# דער ווינקלשטיין

בלויז דער ווינקלשטיין פון מיין הויז איז פארבליבן,
ווען אלץ איז אוועק מיטן פייער,
פאר דעם איז דער בלויזער שטיין, דער גרויער,
היילּיק ביי מיר איצט און טייער.

ער דערמאנט מיך מיין גאלדענע קינדהייט —
ווען איך בין אויף אים דאן געזעסן,
אין א העמדל, אויף זון זיך געווארעמט,
און דער מאמעס א קוכן געגעסן.

און לינקס — געבליט האט דער גארטן
מיט גרינסן, בלומען און בליטן;
און מיר וועגען קינדער, האלב נאקעט,
געלאפן, געשפרונגען אין מיטן.

און רעכטס — געווען איז דאס געסל,
ואס האט צו דער באברע געפירט —
מיר האבן אין איר זיך געפלוישקעט,
און צוריקוועגס — אין בלאטע פארשמירט.

פארנאכט, אין שטויב אין ראזן —
ווען די פי איז געגאנגען פון פאשע,
מיט פולע אייטערם באלאדן,
מיט פעטע מילך אויף קאשע.

פלעגן מיר בארוועס זיך יאגן
נאך די קליינטשיקע לעמער,
וואס זענען פארוים געשפרונגען
אין שטילן אוונט דעמער.

און היינט איז פון אלעם פארבליבן
בלויז א שטיין און זכרון...
די היים, דאס קינדהייט, דאס געסל
האב איך אויף אייביק פארלארן...

# ווי זאָל איך באַוויינען...

ווי זאָל איך באַוויינען, ווי זאָל איך באַקלאָגן,
דעם חורבן פון פאָלק, ווען כ'נעם זיך דערמאָנען; —
די אויגן בלויז קוואַלן פון טרערן פאַרמאָגן
פאַר איין מת, פאַר צוויי — אָבער ניט פאַר מיליאָנען!..

מיר זענען געוואוינט שוין צו שחיטות, פאָגראָמען!
ביי יעטווידן טייכל, אין יעטווידעם לאַנד;
אין אויטאָ־דע־פעס איז געהייליקט דער נאָמען,
פון אונזערע קדושים אין פייער און בראַנד.

ניטאָ איז קיין טויט, אויף אונז ניט געפּרואווט, —
ניטאָ קיין נגישה, קיין פּיין אויף דער וועלט;
עס פעלט אונז אוים אָטעם, עס פעלט אונז אוים לופט,
די זון איז ביי־טאָג פאַר אונז אויך פאַרשטעלט...

דאָך זענען מיר אַלע צו דעם שוין געוואוינט —
מיר לעבן שוין טויזנטער יאָרן אַזוי..
נאָר היינטיקע שרפה — קיינעם ניט שוינט —
מיר ברענען מיליאָנען... ווי הוליעס פון שטרוי!...

און ווער עס וועט בלייבן — אז אָך און אַז ווײ —
גלאָוונעס און קברים. שאַקאַלן־געוואָי —
אין ווילדן געיאָמער און וואַנזין־געשרײ
וועט רופן, וועט שרייען: אדוני, אדוני!...

און דער, וואָס וועט הערן זיין שטים, זיין געוויין,
וועט פּלאַצן זיין האַרץ און זיין מוח זיך רירן...
וועט יעדער זיך מאַכן אַ האַרץ, ווי פון שטיין...
און שליסן פאַר אים אַלע פענסטער און טירן...

וועט ער אַן איינזאַמער וואָיען אין וועלט...
און פון די קברים דעם יאָמער פאַרשפּרייטן —
אז דורכנעמען זאָל אַ טויטלעכע־קעלט,
אַלץ נאָר וואָס וועט צום לעבן זיך גרייטן...

און מער קיין רו אויף דער וועלט וועט ניט זיין —
מיליאָנען נשמות — זיי זענען ניט מוחל! —
טריפן וועט גאַל אין בעכערס פון וויין...
און שאָטנ'ס פון שרעק — אין יעטווידן היכל...

אַ וועלט, וואָס קען לאָזן מיליאָנען אויסשעכטן —
די איז צו רו און פרייד ניט באַרעכטיקט! —
און ווי זי זאָל ניט איר גורל אויספעכטן,
בלייבט דאָך איר קיום פאַרדעכטיקט...

ווי זאָל איך באַוויינען, ווי זאָל איך באַקלאָגן
דעם חורבן פון פאָלק, וואָס לאָזט מיר ניט רוען! —
ווי קען מען דעם־צער פון הארצן פאַריאָגן,
ווי אַן היימלאָזער הונט אין ־ער נאַכט ניט וואיען?...

# דו ביזט אַליין געווען דער מת

דו ביזט אַליין געווען דער מת,
אַליין די ליכט, און אַליין דער פייער...
גאָט האָט דאָך מיט דיר געברענט,
ווי אין דעם סנה — אין פלאַם פון שייער.

נאָר ס'איז קיין משה ניט געפליבן,
וואָס ער זאָל דעם נס דערציילן, —
ווייל דער פלאַם האָט אים צעריבן
ווי אַלעמען — אויף אַש און קוילן...

און דער נס איז דאָך געשען! —
ווי ער איז אויך היינט נאָך דאָ! —
גאָט אַליין ער ברענט נאָך איצט
מיט יעדן איד, אין יעדער שעה.

און זיי ווערן ניט פאַרברענט! —
ווי דער סנה ניט לעשט זיך אויס! —
גאָט און איד — צונויפגעפענט!
שיינען פון דעם פלאַם אַרויס.

אין דעם מדבר — פון א דאָרן.
אין דער שטאָט — פון א העלד.
אייביק מיט דעם זעלבן פייער
צו באַלייכטן נאכט אין וועלט...

און די וועלט — זי וויל ניט וויסן,
קיינער וויל עס ניט פארשטיין, —
אויסגעלאָשן איר געוויסן:
ברענט דער איד מיט גאָט אליין...

# דער טאָג איז געקומען

דער טאָג איז געקומען
מיט טויזנטער שטראַלן.
און איך בין פאַרלאָרן.
און איך בין פאַרפאַלן,
עס שיינט ניט די זון
פאַר קיינעם היינט, —
בלויז פאַר די שונאים,
בלויז פאַר די פיינט...

זיי העלפט זי באַלייכטן
אַלע שפּאַרונעס,
וואו עס ליגט נאָך פאַרבאַהאַלטן
אַ איד, און ער זשיפּעט,
צי ערגעץ א קינד
אין שמאַטעס פאַרשטיקט,
פאַרהונגערט, פאַר'יתומ'ט
און עלנטער כליפּעט...

זי העלפט זיי באשטראלן
די חורבות, די גריבער,
די פעלדער און וועלדער,
וואס זיי האבן פארוויסט.
די קוימענס, די שווארצע —
מצבות — אויף שטיבער,
די מענטשן, ווי ווערים
געטראטן אין מיסט...

זי האלט זיי אין בלענדן —
אלץ צו פארלענדן,
וואו ס'בליט נאר א לעבן,
וואו ס'וואקסט נאר א גראז;
פאר דעם איז מיין הארץ
פול היינט מיט וואונדן, —
אין יעטווידן שטראל
גליט א פארדראס!...

# מיט שטאָלענעם פּאַנצער

מיט שטאָלענע פּאַנצער און פייער באַלאָדן,
זיי גייען און זינגן, און זינגן!
און מענטשן, אין אייגענע בלוט געבאָדן,
פאַלן ווי פליגן, ווי פליגן...

שטעט און לענדער פאַרוויסט און פאַר׳חורבנ׳ט,
פאַרפינסטערט, פאַרטרויערט, פאַרצערט;
עס גריזשעט דער הונגער די הויט פון די ביינער,
פון מענטשן־סקלעטן — פאַרדאַרט...

עס פאַלן מיליאָנען אומשולדיקע קינדער,
פאַר וועמען? פאַרוואָס? און צו וואָס?
מיר זענען דאָך ערגער פאַר פי און רינדער, —
מיר לייגן זיך אוים מיט א שאָס...

עס איז אונזער דור פאַרשאָלטן געוואָרן —
איך וויים ניט — פון טייוול צי גאָט? —
מיר צאָלן פאַר יעטווידן טראָפּן פון לעבן
מיט בלוט אָפּ, אויף יעטווידן טראָט...

און אַלץ, וואָס צענדליקער דורות פאַר אונז,
האָבן געבויט און געשאַפן —
ווערט פאַרניכטעט, פאַרברענט און פאַרלענדט
דורך דעם פייער פון וואָפן.

און מיר שטייען הילפסלאָז אין וועלט,
ווייסן ניט וועמען צו בעטן... —
מיר האָבן אַליין זיך די וועג פאַרשטעלט,
די וועג — וואָס קען אונז נאָך רעטן...

און שרייען נאָך הילף אין בלוטיקן רוים,
וואָס קיינער קען אונז ניט געבן;
מיר מוזן צוריק אין געטלעכן טרוים,
אונזער נשמה פאַרוועבן...

# טרעבלינקע

אמאָל איז געווען אַ וואַרשע
מיט הונדערטער טויזנטער אידן,
פאַרטייען און קאַמפן, רעכטע מיט לינקע,
היינט האָט זיי אַלע פאַרייניקט — טרעבלינקע!

געשמאַיעט, געהאַנדלט, געיאָגט,
טעג און נעכט זיך געפּלאָגט,
מידע, פאַרמוטשעטע, קראַנקע,
זיי שמאַיען שוין מער ניט אַרום — טרעבלינקע.

הויפן מיט רעש און געפּילדער,
האַנדל פון אַלץ אין דער וועלט, —
פון גאָלד, זייד, ביז אַ סטינקע, —
ליגן פאַר'יתומ'ט אין שטויב — טרעבלינקע.

די לופט איז פול מיט מוזיק,
די קינדער, זיי רינגלען אַרום
דעם זינגער מיט דער קאַטרינקע. —
שטיל איז געוואָרן און שטום — טרעבלינקע.

אידן אין אטלאס און זייד
שטראמען, פארפלייצן די גאס,
אייליקע, רעשיקע, פלינקע, —
רעש'ן שוין מער ניט ארום — טרעבלינקע.

מיידלעך, פאר'חלומ'טע שוואנען,
שוועבן פארכישופטע שטילע.
אין זיידנס, רוזש און שמינקע. —
איצט איז דער חלום צערונען — טרעבלינקע.

ברונעטקעס — פייער פון נעכט,
בלאָדינקעס — שטראלן פון זון,
ווי א שטילער פארנאכט די סאטינקע, —
וואו זענען זיי אלע, אוואו? — טרעבלינקע.

חסידימלאך שוועבן אין טאנץ! —
גאָט איז אויך שיכור מיט זיי, —
דער רבי גיט אויס זיין מוזינקע. —
זיי שוועבן שוין אלע מיט גאָט — טרעבלינקע.

# בנות יעקב

דריי און ניינציק שוועסטער מיינע!
הייליקע און ריינע,
זענען פון דער וועלט אוועק,
גליקלעכע אזוינע...

ס'האָבן געוואַרט אויף זיי
שמוציקע גאַרילעס; —
זענען זיי צו גאָט אַרויף
בקדושה און בטבילה.

ביז דעם לעצטן אָטעם־צוג,
שטיל געזאָגט א תפילה
ביז דער סם האָט זיי געלאָזט
שווייגנדיקע, שטילע...

און די חיה איז געוואָרן
רציחה'דיק דערצאָרנט.
דריי און ניינציק אָפּגעהאַקטע
בליענדיקע יאָרן!

און די זון, זי איז געבליבן
אין הימל דאָרט, די זעלבע.
זי איז ניט אַראָפּגעפאַלן,
ווי א בלאַט, א געלבע...

און די שטערן ווימלען נאָך,
קיין איינער ניט פאַרלאָשן!
און די שערי־רחמים —
זענען אַלץ פאַרשלאָסן...

דריי־און־נײַנציק שוועסטער,
ווי מלאכים ריינע,
האָבן זיך באַפרייט
פון א וועלט — א זונה!

און זיי רוען איצט
העכער פאַר די שטערן.
שטראַלן איבער זון
אין אַ ים פון טרערן.

# איך ווייַן נישט נאָך אייך

איך וויין ניט נאָך אייך און קלאָג ניט נאָך אייך,
שוועסטער מיינע, הייליקע!
דאָס האַרץ איז ביי מיר ווי אַ בלוטיקער טייך,
אין טעג אַזוינע גרויליקע.

איר זענט אַוועק, פון קיינעם באַפלעקט,
ווי עס פּאַסט פאַר טעכטער ערלעכע!
איר האָט דער שמוציקער וועלט אַנטפּלעקט
אייער נשמה, די הערלעכע!

איר האָט באַוויזן מיט ריינעם געוויסן
דאָס די וועלט זאָל ציטערן! —
בכדי עס זאָל חיה פון גוף ניט געניסן —
טרינקט איר פיל דעם ביטערן!

איר טראָגט אַוועק מיט גבורה די טעג
פון יוגנט, פון בליאונג, פון שטרעבן!
אין אַ וועלט פון טומאה־באַדעקט —
באַווייזט איר די קדושה פון לעבן!

הונדערטער דורות וועלן פון אייך
אונדער־לעגענדעס דערציילן. .
מיין האַרץ איז פון וואונדן אַ בלוטיקער טייך,
וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל פאַרהיילן.

# קוקט מיר ניט גלייך אין די אויגן

קוקט מיר ניט גלייך אין די אויגן,
איך זע ניט מיין אייגענעם קינד! —
די זון איז מיט טרויער פארצויגן,
איך בלאנקע ארום דא בלינד.

איך זע ניט קיין פריינט און קיין חבר,
איך דערקאן ניט מיין היים און מיין גאס;
איך זע בלויז, אין לאסט־אויטאס אידן,
זיך שטיקן מיט גיפטיקן גאז.

איך זע זיי זיך ראנגלען פארצווייפלט: —
ברעכן די קעפ אן די ווענט,
און כארכלען פון זיך אויס די לונגען,
מיטן לעצטן אטעם, וואס ברענט...

איך זע ווי עס כובעט די מאמע
דעם לעצטן הויך פון איר מויל,
א טויטע — דעם קינד וויל אויפלעבן,
און פאלט אין דעם בלוטיקן קנויל...

איך זע ווי מען עפנט די טירן,
אין דעם פינסטערן בלוטיקן וואלד, —
א קופע פון מייז אויסגעשטיקטע,
ניט מענטש פון גאָט'ס געשטאַלט...

דער טאַטע שטייט מיטן רידל
וואַרט אויף זיין פרוי, אויף זיין קינד,
די גרוב איז שוין פאַרטיק פון לאַנג...
ווייי איז אונז און ווינד!...

ווי קען איך פון האַרצן אויסשרייען?
אַז אויסשרייען דאַרף איך דאָס האַרץ
צוזאַמען מיט די לונגען פון זיך,
און פאַלן אַ טויטער, קויל־שוואַרץ.

ווי קען איך דאָס אַלעם פאַרנעמען?
ווי קען איך דאָס אַלעם פאַרשטיין? —
אַז איך האָב ניט פאַר דעם גאָר קיין נעמען,
ווי רופט מען דעם פיין אַן אַליין?!...

איז אמת, אַז גאָט איז אין הימל? —
וואָלט איך אויף דער ערד אים געבראַכט,
און צוזאַמען מיט זיינע טייערע אידן
אים אין אַ גאַז־וואָגן פאַרמאַכט...

און זאָל דער אַלמעכטיקער גאָט
אויסגיין, צוזאַמען מיט זיי, —
אויב דאָס איז זיין געפאַט —
זאָל ווידער זיין תהו ובהו...

# יתגדל ויתקדש שמה רבא...

מיין מאַמען, ברודער און שוועסטער
— די קדושים וטהורים, געווידמעט

יתגדל ויתקדש שמה רבא,
ס'איז קיינער פון זיי שוין ניטאָ...
פאַרפייניקט, פאַרגאַזט און פאַרברענט,
רייסט קריעה — פאַרברעכט מיט די הענט!

זיצט שבעה — טוט אויסעט די שיך,
און קלאָגט אויף דעם וואָס איר לעבט,
און איר פילט ניט, אז איר זענט אַ טייל
פון יענע אין קאַצעט פאַרשלעפּט.

איר פילט ניט, אז איר דאַרפט דאָ
מקדש דעם לעבן אויך זיין,
ווי זיי — אין דער פיינלעכער שעה —
האָבן מקדש געוועזן דעם פיין...

פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט —
דער פייער, דער פייער ער ברענט! —
קוקט זיך אַריין אין געזיכט,
טיף אין די אויגן — דערקענט...

איר זענט דאָך די יורשים פון זיי,
קינדער פון קדוש און העלד! —
ריין זאָל דאָס האַרץ זיין, ווי שניי,
קלאָר דאָס געוויסן, וואָס קוועלט.

זיי האָבן קיין קבר, קיין רו,
עס טראָגט אום דער ווינט זייער שטויב,
עס פלאַטערט נשמה אַרום,
ווי א ווייסע, פאַרבלוטיקטע טויב...

נעמט איר צו זיך אריין
און גיט איר אין הארצן די רו.
וועט איר דערזען אויך דעם שיין,
וואָס פירט צו דער אייביקייט צו...

און גיט אויך דעם לעבן אַ זין,
אַפילו אין ליידן און פיין;
די לויטערע ליכט פון באַגין,
וועט אייך באַלייכטן דעם זיין...

## איך וועל שוין פון אײך קײנמאָל ניט הערן . . .

איך וועל שוין פון אייך קיינמאָל ניט הערן;
אומזיסט איז דאָס זוכן, אומזיסט איז דאָס קלערן.
עס העלפט ניט דאָס מישן די בערג מיט די בלעטער —
ניטאָ איז קיין גואל, ניטאָ איז קיין רעטער!

מען האָט דיר, מיין מאמע, פאַרברענט אין דעם שייער,
צוזאמען מיט אַלע אידן פון שטעטל,
מיט דיר אויך דיין זון, געאָרעמט אין פייער
פון פלאמען פאַרצוקט, ווי אַ טרוקענע ברעטל.

קיין אַש איז פאַרבליבן — דער ווינט האָט פאַרנומען,
און ער טראָגט זיך אַרום איבער אַלינקע וועלטן,
און וואו נאָר ער קומט — הערט זיך אַ יאָמער...
אַ פיינלעכער יאָמער פון יעקב'ס געצעלטן.

און דאָרט, אין אַ צווייטער שטעטל דערשאָסן
האָט מען דיין טאָכטער מיט אירע קינדער,
עס האָט זיך איר בלוט צוזאַמענגעגאָסן
מיט אַלע די אידן, די כשרה רינדער...

זענען די טייכן, וועגן און ים׳ען
פול מיט בלוט, וואָס האָט אין איין זידן,
אויך גאָט קען אין הימל, אין הימל ניט צאַמען
דעם געשריי פון פאַרפייניקטע אידן!...

טראָגן די ווינטן אַרום אָט דעם שוידער,
און וואַרפן אויף אַלע און אויף אַלע אַן אימה;
ווער איז דען איצטער ניט קיין יתום?
און ווער איז דען איצטער ניט קיין יתומה?!

טראָגן מיר טרויער פאַרבאַהאַלטן אין האַרצן,
וואו ניט וואו פאַרראַט אונז אַ טרער,
וואָס דעקט אויף דעם תהום, דעם טיפן, דעם שוואַרצן,
און באַלד פאַרווישט — מען זעט אים ניט מער...

ניטאָ איז קיין טרייסט, קיין טרייסטער און טרייסטונג,
און קיינער קען קיין טרייסט ניט פאַרנעמען;
איז בעסער דעם ווייטאָג נאָך טיפער פאַרשטעקן,
אין הייליקן פיין זיך שטיקן און קלעמען...

# צען טעג אין אלול

צען טעג אין אלול איז געשטאָרבן מיין טאַטע,
אַ יונגער בוים — אין פרילינג פון לעבן.
געווען איז עס שנת תרע״ג,
פיר יתומים דער מאַמען געגעבן.

איך בין דער עלטסטער — געווען אַ יאָר אַכט,
מיין שוועסטער די אינגסטע — עפּעס מער ווי אַ וואָך.
איך געדיינק נאָך די ליכט, זיין געזיכט, און די נאַכט...
ווען אַלץ האָט געוויינט און געקלאָגט אויף דעם בראָך...

ווער וואָלט עס גלויבן, אַז איצט זאָל עס זיין
גאָר אַ גליק אָט דער טויט, פון גאָט אַ געשאַנק! —
ווען די הערבסטיקע נאַכט האָט אין קבר אַריין
ווי אַ בלום אים געטוליעט, ווי אַ בלום וואָס איז קראַנק...

איך ווייס היינט דעם אָרט, וואו דער טאַטע מיינס ליגט,
כהאָב געזען דער מצבה, דורכן פּלויט, דאָ ניט לאַנג...
ס'האָט אַ בוים איבער אים פרום זיך געוויגט,
און פון ווייט מיך באַגריסט — מיך באַגריסט און באַדאַנקט...

וואו איז מיין מאַמע?! — מיין ברודער?! — מיין שוועסטער?!
ווען איז דער יאָרצייט, דער יאָרצייט נאָך זיי? —
איז שוין פון פייער קיין ביינדל פאַרבליבן? —
פון שייערס מיט אידן פאַרברענטע ווי שטרוי!...

זענען קיין בוימער דאָרט ניט פאַרבליבן,
וואָס האָבן ווי שטומע עדות געזען,
ווי מען האָט אַלע אידן פאַרטריבן
פון שטעט און פון שטעטלעך — ווי קיינמאָל געווען?...

געברענט און געבראָטן אין שטאַל און אין שייער,
דערשטיקט און דערוואָרגן — אין קאַמער פון גאַז; —
וועט מיר אַ צווייגל, פאַרסמאָליעט פון פייער,
ווייזן דעם אָרט, וואו עס ליגט זייער אַש?

וועט ניט אַ בוים אַמאָל מיך באַגריסן,
רופן און ווייזן: — דאָ ליגן זיי!...
און איך וועל פאַרבייגיין, און גאָרניט ניט וויסן,
אַז דאָ האָט מיין האַרץ געדאַרפט פלאַצן פון וויי...

# די זון פון באַגין

די זון פון באַגין
קומט מיט אַ טרייסט,
אין אַ שטראַלן־געשפּין,
ווי אַ קינד אויפן שויס.
זי נעמט מיך אַריין,
און זינגט מיר אַ ליד: —
זיי ניט פאַרצווייפלט,
באַרטרויערט — דו איד!

ס'איז טרייסטן דיר שווער! —
איך ווייס און פאַרשטיי.
דער בראָך איז דאָך גרויס!
נאָך גרעסער — דער וויי!
עס הילכט אין דער וועלט
נאָך אַפּ דער געשריי...
עס זידט נאָך דאָס בלוט
אויף ערד און אויף שניי...

דאָך פֿאַרשטיי אויך, מיין קינד —
די וועלט איז דאָך אַלט.
גיב אַ טראַכט, גיב אַ קוק,
דערזען וועסטו באַלד: —
עס זענען פֿעלקער אַוועק,
ווי פֿון פֿייער דער וואַלד,
און איר זענט נאָך היינט —
אויך אַ ריזן געשטאַלט!...

אייביק וועט זיין —
דאָס איז אויך דער טרייסט —
דער איד אויף דער וועלט!
ווי פֿון זון אָט דער שיין. —
דורך נאַכט און דורך פֿייער,
וואָס פֿלאַקערט, פֿאַרלענדט,
פֿעלקער און לענדער,
פֿאַרמעקט און פֿאַרברענט.

קומסטו און וועקסט
מיט דיין מענטשלעכער שטים —
אין דער בלוטיקסטער נאכט
פון חיה'שן גרים.
ווארפסטו דיין וואָרט
מיט א געטלעכן זאָג,
און זאָגסט אָן דער וועלט: —
עס איז טאָג! עס איז טאָג!..

# וויפל מאָל טראַכט איך

וויפל מאָל טראַכט איך: —
אפשר איז בעסער אייך די פאַר'סמטע,
ווי אונז, וואָס מ'סמ'ט יעדע מינוט? —
איר זענט געגאַנגען, ווי קדושים צו דער שחיטה...
און אונז, אַלע ווײַלע, צאַפּט מען דאָס בלוט...

וויפל מאָל טראַכט איך: —
איר זייט אוועק, די קרבנות געגרייטע,
וואָס גאָט האָט געפאָדערט, און גאָט האָט גענומען;
און מיר גייען אום דולע, צעדרייטע, —
פון לעבן אוועק און צום טויט ניט געקומען...

וויפל מאָל טראַכט איך: —
איר זייט אוועק, ווי אַ גזר פון דעם הימל: —
ביז דאַנען צו גיין און ווייטער ניט מער;
און מיר בלאָנקען אום, ווי שטויב, און ווי שימל,
אַז קיינער נאָך אונז וועט ניט לאָזן קיין טרער...

וויפל מאָל טראַכט איך: —
איר זייט אוועק מיט רויך און מיט פייער: —
אין שולן פאַרברענט מיט דער תורה אין די הענט;
מיר גייען אַרום אויף דער פריי אין אַ שלייער...
און אונטערן שלייער — מיר זענען געפּענט...

וויפל מאָל טראַכט איך: —
ס'איז בעסער דער טויט, ווי לעבן אין צער: —
אַ פרעמדער, פאַרהאַסט, פאַרפאָלגט און פאַריאָגט...
איז דאָך שוין ליבער די אייביקע־נאַכט,
ווי זיין אין אַ ספק — צי ווען אַ מאָל טאָגט!...

וויפל מאָל טראַכט איך: —
הונדערטער דורות, טויזנטער יאָרן,
מיר לעבן און ליידן פאַרוואָס און פאַר ווען? —
דער מענטש איז אַ האָר ניט בעסער געוואָרן, —
איז אונזער זיין, ניט צו מאָל אַ פאַרזען?

# ב׳ווייס ניט צו מעג איך גאָר איצטער

ב׳ווייס ניט, צו מעג איך גאָר, איצטער
נעמען אַ פעדער אין האַנט,
און ציקלען אין צאַצקען זיך לידער? —
ווען מיין היים איז חרוב —
ניט געבליבן קיין ציגל אין וואַנט,
און פאַרטריבן מיינע שוועסטער און ברידער!

ב׳ווייס ניט, צו מעג איך גאָר, איצטער,
נעמען אַ ביסן אין מויל,
און פילן אַ טעם נאָך אַ זיסן? —
ווען מיליאָנען הונגערן, פרירן! —
פון זייערע היימען פאַרטריבן, —
כאַמעס פון קינדער צערים! . . .

ב׳ווייס ניט, צו מעג איך גאָר, איצטער,
לאָזן אַ שמייכל, אַ צאַרטס,
איבער מיין פנים זאָל שוועבן? —
ווען אַליז וואָס איז באַהאַרצט,
פול מיט יוגנט און לעבן,
זאָל גאָר מיט טויט זיך פאַרוועבן!

## ווער האָט מיר מיין שטעטל
## אָפּגעמעקט פון מאַפּע?

דורכגעבלעטערט אַלע ליסטעס,
אַלע נעמען דורכגעקוקט —
ווער האָט מיר מיין קראַנקער מאַמען,
מיט דעם שוואַכן האַרץ, פאַרצוקט?

ווער האָט מיר מיין קראַנקן ברודער,
אָט דעם שטילן, אָט דעם גוטן,
אַ יונגן פון דער וועלט
פאַרפייניקט ער זאָל בלוטן?

ווער האָט מיר מיין צאַרטער שוועסטער
וואָס איז אין קיינעמסלאַנד געלעגן
מיט די פּיצלעך קליינע קינדער
אין זומפּן, אַ נטער רעגן —
ווידער זיי געטריבן
אויף די טויטע וועגן?

ווער האָט מיין משפּחה,
פון פרומע, גוטע אידן,
אויסגעלייגט ביז איינעם —
אַז דאָס בלוט נעמט זידן?

ווער האָט מיר מיין שטעטל
אָפּגעמעקט פון מאַפּע?
וועלכער שוואַרצער טייוול?
וועלכע הינטיש לאַפּע?

האָט מען זיי געפירט דאָרט
אַלע צו עקידה? —
אָט די גאַנצע מחנה!
אָט די גאַנצע עדה!

אין פאַרמאַכטע באַנען
צו די טויט־פאַבריקן,
אין דער באַד פאַרנאַרטע
מיטן גאַז צעשטיקן?

צי האָט מען יעדן איינעם,
אין זיין שטוב, אין קעלער,
אויפן הויף און בוידעם,
אויפן גאַס, אין שטעלער —

זיי פאַרמוטשעט אַלע:
מיטן שאַרף פון מעסער,
מיט פריקלאַד פון ביקס —
זאָל דער פיין זיין גרעסער?

וואו איז זייער קבר?
וואו איז זייער רו? —
אין דער ערד פֿאַרשאָטן,
צו אין הימל וואו?

שוועבן אים די שטויבן,
צי דער אַש אין ווינט?
ווי איז מיר מיין לעבן,
ווי איז מיר און ווינד...

איך וואָלט וועלן ברענגען
אַט דעם שטויב צו קבורה —
און מיט זיי צוזאַמען
ליגן אין איין שורה.

וועט מיין זינדיק לעבן
אויך א תקומה האָבן: —
לעם די קדושים ליגן,
מיט זיי זיין באַגראָבן...

# איך וועל ניט מיין טרויער
# צעהיינגען אויף פּאַלמעס

איך וועל ניט מיין טרויער צעהיינגען אויף פּאַלמעס,
אזוי ווי אמאָל ביי די טייכן פון בבל;
זיי האָבן צעהאָנגען די פידלען אויף ווערבעס,
געוויינט און געקלאָגט אויף דער ערד ווי אן אבל.

איך וויל ניט דער זון דעם פּנים פאַרשוואַרצן,
די פעלדער, די גרינע — מיט גאַל ניט פאַרגיסן.
ווער דאַרף עס וויסן, וואָס טוט זיך אין האַרצן? —
טיף אין זיך טיפער דעם פּיין נאָך פאַרשליסן...

און ערגעץ פאַרבאָרגן אין האַרץ וועל איך בויען —
עס זאָל קיינער ניט וויסן, איך וועל קיינעם ניט טרויען —
א קדשי־קדשים וואו דאָרטן זאָל ברענען
אַ שטילער נר־תמיד נאָך זייערע נעמען...

און ווען איך וועל האָבן רו נאָר א ווייל,
וועל איך צום קדשי־קדשים זיך נייגן —
און דאָרט וועט געווים די פּמליא־של־מעלה
צו זייערע פיס זיך בוקן און לייגן...

דאַן וועל איך שעפּטשען מיין תפילה־בלחש,
אַליין ביחידות, עס זאָל קיינער ניט הערן,
פאַר גאָט איר אויסגיסן, אין פיינלעכע שעה'ען,
ווען אַלץ אין מיר וויינט — כאָטש מען זעט ניט קיין טרערן.

צי גאָט וועט מיר הערן! — בין איך ניט זיכער,
ס'האָבן מיליאָנען ביי אים זיך געבעטן,
ווען טויט האָט געווירבלט, ווי א בלומיקער וויכער
פון פינסטערן אפגרונט, געשטיקט און צעטרעטן...

און ביי דעם נר־תמיד פון קדושים און טהורים,
וועל איך א פונק פון ליכט מיר באָרגן,
פון דעם וועל איך פלעכטן די קרוין פון דער צוקונפט,
מוט פאַר דעם היינט — און נאָך מער — פאַר מאָרגן!

# מוטער - טאָג

וואָס פאַר אַ בלום זאָל איך היינט אויף מיין ברוסט,
אין דעם הערלעכן מוטער־טאָג טראָגן?
ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געוואוסט,
וואָלט דאָך דער פיין מיר ניט פּלאָגן...

ווען איך וואָלט געוואוסט, אז ערגעץ אין ווייט
לעבט נאָך מיין מאַמע אַצינד,
וואָלט איך ניט געגאַנגען פאַרשעמט, אָן אַ זייט,
נאָר פאָרויס — מיט אַ רויטן אַהיצינט!

ווען איך וואָלט געוואוסט, אז מיין מאַמע איז טויט,
געשטאָרבן נאַטירלעך, ווי אַלע —
וואָלט איך אַ ווייסן בלום אָנגעגרייט
פון הערלעכער אומשולד, ווי אַ כלה.

איז מיר ניט באַשערט — ניט ווייס, און ניט רויט,
מוז איך מיר אָנטאָן אַ שוואַרצן, ווי נאַכט;
עס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אז זי ליגט דאָרט אין קויט,
און איז צו קיין קבר־ישראל געבראַכט...

טראָג איך דעם בלום פון טרויער, דעם שוואַרצן,
ווער ס'וועט פאַרבייגיין און וועט אים דערזען,
זאָל ער דערפילן, אַ ברי אין זיין האַרצן,
זאָל ער דערשפּירן פון פייער אַ ברען!

און ער זאָל קיין רו, קיין רו ניט געפינען,
ווי עס האָט ניט געפונען — מיין מאַמע און איך,
כאָטש זוניקע שטראַלן אַרום מיר זיך שפּינען,
דאָך זע אין דעם אָפּגרונט, דעם שוואַרצן, פאַר זיך...

## דער פֿאַרשאָלטענער בריוו . . .

איך האָב זי באַגעגנט פּאַרוויינט,
און בין איר מקנא געווען —
ווען איך האָב אין אירע הענט
אַ בריוו פֿון פּוילן דערזען . . .

„די גאַנצע משפּחה איז טויט,
בלויז איינער איז לעבן געבליבן" —
און ער האָט מיט בלוט פֿון זיין האַרץ
דעם בריוו איר פֿון חורבן געשריבן.

„מען האָט זיי דאָרט אַלע דערשטיקט,
פֿאַרפּייניקט, דערוואָרגן, פֿאַרברענט.
דאָס שטעטל אַ באַרג איז פֿון אַש,
איר וואָלט זי גאָר קיינער דערקענט" . . .

„דאָס שטעטל — און טויזנטער נאָך!
גאַנצע לענדער פֿאַרלענדט.
און נאָך גרעסער פֿאַר דעם איז דער בראָך —
ס'ניטאָ ווער עס זאָל פֿאַרברעכן די הענט!" . . .

זיץ איך אין טרויער און ווארט,
אפשר וועט קומען פון דארט —
נאך א ווײַלע אַליין זיין געגאַרט —
אז אימיצער לעבט דאַרטן פאַרט . . .

מאַמעלע, טאַטעלע, מיין!
ברודערל, שוועסטערל, פריינט! —
זאָל זיין, אז קיין איינער פון אייך
לעבט שוין נים, לעבט שוין נים היינט?!

איך קען דאָך ניט גלויבן אין דעם,
ווייל גלויבנדיק — האָב איך ניט וואָס
צו לעבן אין אייביקן קלעם —
אויף לייד האָט א ברעג, האָט א מאָס!

ווען איך נאָך קריגן א בריוו
פון איינעם, פון איינער, וואָס לעבט?
פירט אים אויף ים'ען א שיף,
צי אַן אַוויאָן, וואָס שוועבט?

אַ. קום שוין, אַ. קום שוין צוגיין,
מיטן נאַקעטן אמת און גרויל! —
ס'ניט פאַרבלײַבן א שטיין אויף א שטיין,
אויף אַש, אויף שטויב און אויף קויל . . .

בריוו דו, פאַרשטאָלענער, מיינער! —
לאָז מיר ניט וואַרטן שוין לאַנג;
איך לייען סיי ווי יעדן אות
אין טרויער־פאַרהילטן געדאַנק . . .

# כ'האָב היינטיקן פרילינג קיין לידער געזונגען

כ'האָב היינטיקן פרילינג קיין לידער געזונגען.
עס האָבן די גסיסה־קרעכצן פאַרקלונגען
דער וועלט, וואָס טרינקט זיך אין בלוט און אין פלאַמען;
נאָר היינט האָט דאָס האַרץ ביי מיר זיך געעפנט,
אַזוי ווי אַ פרילינג וואָלט ווערן געבוירן
מיט טויזנטער קוואַלן, וואָס איז שווער צו פאַרצאַמען...

ס'איז נאָך די נאכט מיט שאָטנ'ס באַהאַנגען...
עס גריזשען שאַקאַלן די מאָגע־רע ביינער,
פון די פאַרפייניקט־דערמאָרדעטע אידן!
און ביז עס וועט טאָגן! — בערג פון הרוגים
וועלן אין בלוטיקע שעה'ען נאָך וואַקסן,
און טייכן פון בלוט וועלן פלייצן און זידן!

דאָך זע איך דעם מאָרגן! דעם ליכטיקן מאָרגן
אין די חבלי־משיח זיין פנים געשטאַלטן.
עס וועט שוין ניט בלייבן מער ביי דעם אַלטן!...
די נאַצי־פאַשיסטישע וועגט זיך שוין ברעכן,
און די אַלע מערדער — זיי וועט מען דערשטעכן,
דערשיסן, דערווערגן! — קיין איינער פון זיי זיך ניט באַהאַלטן!

די רויטע אַרמייער — פון צפון און מזרח,
די אַליאירטע — פון מערב און דרום,
זועלן צעטרעטן דעם גיפטיקן וואָרעם,
וואָס האָט פאַרשפּרייט זיין האָס איבער וועלטן,
געלאָזט מיטן פייער מיליאָנען געצעלטן
און פאַרזייט אַ וועלט מיט קברים...

כ'זע אים דעם מאָרגן מיט זון ליכט באַגאָסן,
שפּרייט ער זיך אוים איבער אַלינקע וועגן,
וואו עס ציען די מחנות, די העלדן, די זיגער,
און ער קושט אויך די טריט, די פאַרשטויבטע און מידע,
מיט וואונדן באַדעקטע, פון טויטלעכן פייער
אין שעה פון פאַרצווייפלונג געשפּריצט האָט דער טיגער...

זיי גייען און שפּרייטן פרייד אומעטום!...
און צינדן אָן ליכט אין יעדן געצעלט,
אוים נאַכט אויף דער וועלט! עס טאָגט און עס העלט!...
פון טאָל און פון באַרג, פון וואַלד און פון פעלד,
איין ליד, איין געזאַנג — ריזלט און קוועלט: —
דער מענטש האָט באַפרייט — זיך און דער וועלט!

# איך וועל אײַך דערציילן אַ סוד...

וואָס פינסטערער, שוואַרצער די נאַכט
אַלץ מערער זיך מערן די שטערן;
איך וועל אײַך דערציילן אַ סוד
פון וואַנען זיי קומען, זיי ווערן: —

די נאַצישע בעסטיע, זי פּלעט
קינדערשע קעפּ איבער סטויבן,
פאַלן די גופים צו דר'ערד —
פליען נשמה'לעך אויבן...

פאַרשיט מען לעבעדיקערהייט
מאַמעס מיט קינדער אין גריבער,
פליען זיי שטילינקערהייט
אַרויס פון די קברים, אַריבער...

ליגן זיך קינדער צעשפּרייט
איבער די פעלדער די גרינע,
קלייבט זיי אַ מלאך צונויף
אונטער די כנפי השכינה...

ליגן פאַרפרוירענע קינדער
אין דעם פּוכיקן שניי,
ווערן בריליאַנטענע שטערן
אין דעם הימל פון זיי...

שיינען זיי אַלע און לויכטן
שטערנדלעך, פערעלעך שטילע;
און אין דער מיט פון דער נאַכט
הער איך זיי שעפּטשען אַ תּפילה: —

„גאָט, פאַרוואָס האָסטו אונז
באַשאַפן אויף גלייך צום טויטן,
אויב דו האָסט ניט געוואָלט
מיר זאָלן צים לעבן זיך גרייטן?

„וואָלסט דאָך פאַרמיטן דעם פּיין,
דעם צער פון טאַטע־מאַמע,
וואָס האָבן אין גסיסה געקלערט
בלויז פון אונזער נשמה!“

„און מיטן לעצטן אָטעם־צוג
געדריקט, געהאַלזט און געקושט;
צו האָסטו קיין אַנדער טויט,
נאָר אָט אַזוי טויטן געמוזט?“

און גאָט הערט זיך עס צו,
עס גייט אויס זיין האַרץ פון ווי,
אָט דוכט זיך ער רייסט אויף די רו
מיט אַ מעכטיקן געטלעך־געשריי;

אַז פּלאַצן וועט דער אוניווערז,
און קראַכן זיין גאַנצער באַשאַף,
און בלייבן וועט ער דאַן אַליין
צום תוהו־ובוהו אַ שקלאַף...

ענטפערט זיי גאָט אָפּ מיט רחמים: —
פרעגט שוין ניט, פרעגט שוין ניט שטערן!
איר זעט, איך זיץ דאָך אַליין
אין אַ ים פון בלוט און פון טרערן!...

וואָס קען איך, וואָס קען איך דאָ העלפן?
דער מענטש האָט אַליין עס געמאַכט!...
איך האָב אים געגעבן די ברירה,
און אַלץ איז געווען אין זיין מאַכט!

האָט ער, מיין ווילן פאַרראַטן!
די וועלט און דעם לעבן צעשטערט!
דאָס הערלעכע, שיינע און ליבע
אונטער־געהאַקט מיט זיין שווערד!...

איך וועל אייך קינדערלעך־שטערן
מיין געטלעכן וואָרט איצטער געבן: —
איך וועל אַט דער בעסטיע צעשטערן,
און קיינמאָל ניט זיין מער ביים לעבן!...

דער מענטש, וועט זיין איצט אַ נייער!
אַ נייער, אַ וועלטן באַפרייער!
מיט ריינע און צאַרטע געפילן
וועט זיך זיין ליבע צעשפּילן...

און פרעמדע פאַר פרעמדן — אַ ברודער!
און שלעכטס! — וועט אויף אייביק פאַרגיין;
לאָזט מיר נאָר שטערנדלעך שטילע
אַ ווײַלע נאָך רוען אַליין...

# עס ווייען די וועלדער פון פוילן

עס ווייען די וועלדער פון פוילן . . .
דער יאָמער צעטרייסלט די לופט!
ווינטן וואָיען אין גרווילן —
עס דוכט זיך אַז אימיצער רופט . . .

זענען עס גייסטער פון טויטע,
וואָס געפינען אין דער ערד ניט קיין רו,
פליען מיט יאָמערעמס צעווייטע
און טוליען צו בוימער זיך צו?

אַ שוידער נעמט דורך דער געשריי
פון פיינלעכער נאַכט איבער וועלט;
צי האָבן ניט אידן אַזוי
פאַר בוימער אין נאַכט זיך פאַרשטעלט?

פאַר דעם איז קיין איד איצט ניטאָ
אין דאָרף, אין שטעטל און שטאָט;
און יעטווידער צווייגל און בוים
ציטעריק תפילה׳ט צו גאָט . . .

זאל זיין אז אין יעטווידן בוים
רוט די נשמה פון איד? —
הויבט ניט אויף בוימער קיין האק!
שטיל גייט פארביי זיי און קניט . . .

עס וויינען די וועלדער פון פוילן . . .
דער יאָמער צעטרייסלט די לופט;
פון פינסטערע כמאַרעס פאַרהוילן,
דוכט זיך, אז אימיצער רופט . . .

# י א ו ש

וואָס טויג מיר די זון, וואָס זי שיינט,
אין הערלעכער פּראַכט פון באַגין,
אז איך זע פאַר מיינע אויגן בלויז היינט
טרעבלינקע, מאַידאַנעק, לובלין!

און דער טאָג, וואָס בלענדט אין ווייס —
זעט ווי אין תכריכים מיר אויס;
און די נאַכט אין שווארצן־קרעפּ
קוקט מיט טרויער אַרויס . . .

און דער ווינט גרוילט אין גרים,
וואָיעט אין מיטן דער נאַכט,
ווי ער וואָלט פון אומקום די שטים
פון דאָרטן אַהערצו געבראַכט . . .

ער לאָזט מיר ניט רוען אַ ווייל —
איך זע נאָר די טויטע פאַרמיר!
עס דוכט מיר — אויף יעטווידן מייל
פירט צו מאַידאַנעק אַ טיר . . .

און דאָרט, דערשטיקט גייען אויס,
אין די מיליאָנען. פון גאַז,
אויף קיין הילף קוקט שוין קיינער אַרויס,
פון אַלעמען בלייבט בלויז דער אַש . . .

און דעם אַש צעשפּרייט דער ווינט
איבער דער בלוטיקער וועלט,
קיין זכר וועט בלייבן פון זיי —
קיין מצבה איז ערגעץ געשטעלט.

און דער וואָס הערט זיין געוואַי,
דעם יאָמער אין מיטן דער נאַכט,
ציטערט אויף ווי אַ שטרוי,
וואָס ווערט אויפן פייער געבראַכט.

גייען מיר אַלע אַרום,
מיט הערצער פאַרבלוטיקט אין קלעם,
און דער — געפינט נאָך אַ טרייסט —
וואָס טראָגט אין זיין האַרצן דעם שם . . .

# שטעט און שטעטלעך מיינע

## ( פּ אָ ע מ ע )

— 1 —

ביים באַברע, ביים ניעמאַן, ביים ווייסל,
ביים סאַינע, ביים ניעצקי און ביאַלע,
אין טויזנטער שטעטלעך און שטעט,
ווער קען זיי גאָר אויסרעכענען אַלע? . . .

געלעבט האָבן אידן מיליאָנען,
פון אַרבעט, פון האַנדל און מי,
פון א נאָדל, א שפּולקע פון פאָדים,
ביז פעלדער און וועלדער און פי.

געווען זענען אידן יחסנים,
מיט רחבות, מיט גביריש פאַרנעם.
און איבער די פאַלעס קבצנים,
אין נויט, אין הונגער, אין קלעם.

דאָך, פון אַלע צוזאַמען אַ חיות! —
אַ אידישע שטעטל און שטאָט;
מיט אַלע נגישות, רדיפות
געלעבט האָט מען דאַנקען גאָט.

וואָכיקע טעג און גרויע,
שווער אויפן הארצן ווי בליי,
ער גלויבן כּיז איד, זיין בטחון,
האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מאַי . . .

אָט אַזוי האָט מען איבערגעטראָגן
די שרעקלעכסטע, בלוטיקסטע טעג;
דורך וואָלקנס די שוואַרצע וואָס יאָגן
געזען האָט מען זיניקן וועג . . .

הונדערטער, טויזנטער יאָרן,
אידן למדנים און לערנער.
דורות האָבן דורות געבאָרן,
פון תורה, פון קדושה די קערנער . . .

האָט מען די קינדער געלערנט,
זיין כשר'ע, ערלעכע אידן,
אין חדר, אין קלויז, אין בית־מדרש,
גאָט'ס־וואָרט אין הארצן אויסשמידן.

פלעגט עס פארקלינגען דאָס שטעטל
דער חומש, גמרא׳שער ניגון . . .
וואו קען מען דאָ איצטער אים הערן?
וואו קען מען דאָ איצטער אים קריגן?

דיינט די שבתים, יום טובים —
די וועלט האָט מיט זיי דאָך גערוט!
און גאָט האָט ביי יעדן איינעם
געצונדן דעם גלויבן, דעם מוט . . .

און אין יעטווידן שטיבל
גערוט האָט די שכינה אַליין,
ווען די שבת-ליכט האָבן געלויכטן,
ווי הערלעך, ווי הייליק, ווי שיין! . . .

— 2 —

אַ פינסטערע קללה פון הימל
איז אויף דער ערד געפאַלן: —
עס זענען פון דייטשלאַנד געקומען
ברוינע, בעסטיעס, שאַקאַלן! . . .

און איבער פרידלעכע פעלקער
פארוואָרפן דעם שוידער פון קריג.
עס קראַכט די וועלט אין פלאַמען,
פון זייער געביין און געניק.

די ערד, די טייכן און ים'ען
זענען מיט בלוט אָנגעפילט.
עס לעשן זיך נאָך ניט די פלאַמען,
דער מערדער נאָך איז ניט געשטילט . . .

נאָר אונז האָט ער פארשניטן
אויף אייביק, אויף אייביק אַזוי;
געבויט האָט ער טויטן־פאַבריקן,
און אונז געברענט ווי שטרוי . . .

פון אַלע די שטעט און די שטעטלעך
האָט ער געפירט אונז מיליאָנען —
קיין טרעבלינקע, סאָביבאָר און מאַידאַנעק —
ווי פי צו דער שחיטה — אין וואַגאָנען.

און דאָרט האָט מען נאַקעטערהייט
טאַטע און מאַמע און קינד
אַלע צוזאַמען דערשטיקט. —
פאַר וועמעס פאַרברעכן און זינד?

און אויב דאָס איז ווייניק געווען,
האָט מען זיי שפּעטער פאַרברענט.
גאָט! אויב דו ביזט אין אמת'ן דאָ,
ווי האָסטו עס צוזען געקענט?!

און אויך דאָס ביסעלע אַש
קיין רו ניט געגעבן — פאַרקערט! —
מיטן ווינט איבער פעלדער פאַרשפּרייט —
פּעטער זאָל ווערן די ערד . . .

שטעט און שטעטלעך מיינע!
חורבות, בית־עולמ'ס צעשטערטע! —
צו וועמען זאָל איך האָבן אַ טענה
מיט מיין הארץ די פאַרטרערטע?

וואָס מען האָט אייער לעבן,
דעם אידישן לעבן געטויט,
און איבער אייך וואָלקנס שוועבן
פאַראומערט, פאַרבלוטיקט, פאַרגרויט . . .

ווען קיין איינציקער איד איז פאַרבליבן,
וואו טויזנטער האָבן געלעבט;
אויף יעטווידן שטאָט איז פאַרשריבן
אַז מערדער, זיי האָבן פאַרשלעפּט! . . .

מיר דוכט זיך דער הימל ער ווײנט,
אפילו דורך שטראַלן פון זון;
עס האָט נאָך די וועלט ביז איצט,
ניט געזען און געהערט דערפון: —

פאַרטיליקן קינד־און־קייט,
דערשטיקן, דערווערגן, פאַרברענען,
און בויען פאַבריקן פאַר דעם,
מען זאָל נאָך דעם טויט ניט דערקענען! . . .

עס נעמט מיך אַ שוידער אַדורך —
ווי קענען מיר לעבן נאָך דעם?!
ווי גוט וואָלט געווען, ווען דאָס האַרץ
פּלאַצט — פון טרויער און קלעם.

און דאָרט, צוזאַמען מיט זיי,
זאָל מיין נשמה, אַ דערלייזטע,
אין הייליקן, געטלעכן פיין,
זיין מיט זיי אַ געטרייסטע . . .

# סאַן לואיס

## (פּאָעמע)

— 1 —

פון האַמבורג, פון פייער,
פון נאַציישן גהינום,
פירט זי — ניין הונדערט אידן.
דער פינסטערער אַפּגרונט,
די שטורמישע כוואַליעס,
זיי שרעקט נים — זיי זענען צופרידן . . .

קומט נאָך אַ זון
מיט אַ ליבלעכן שמייכל —
איז וואָס איז דאָ זיך צו דאגה'ען? —
די אַלע יסורים,
פּיין און שרעק,
וועלן געוויס דאָך פאַרבייגיין . . .

אוועק זענען טעג,
ווי פינסטערע נעכט,
עס שפּיגלט אַ נייער באַגינען! —
וואו איז דאָ הימל?
וואו איז דאָ ים? —
מען קען דאָך אַראָפּגיין פון זינען! . . . —

די שיינקייט אַליין
האָט איר וויגל געמאַכט,
פון כוואַליעס און שטראַלן געהעפט,
און עס רוט דאָ די זון
אין איר הערלעכער פּראַכט,
ווי אַ קינד, וואָס אַ מוטער פאַרשלעפט . . .

כוואַליעס זיך וויגן
אַרויף און אַראָפּ,
רואיקע, רואיקער, שטילער;
אַ ווינטעלע לויפט
אַזוי זיך, גאַלאָפּ,
ווערט אַלץ מחיה'דיק קילער . . .

פון ווייטן דער ברעג,
אַ פאַר'חלום'טער רופט —
אין ווייסן, פאַר'כישופ'טן צויבער —
דאָ וועלן געפינען
אַלע אַ היים,
וואָס ווערן געטריבן פון רויבער! . . .

און אָט איז האַוואַנאַ! —
געבענטשט זאָלסטו זיין! —
בלויז מיט דער האַנט צו באַרירן.

עס וואַרטן די קינדער,
די ברויען, די פריינט,
צו זיך א הײם זיי צו פירן.

צענדליקער שיפלאך
באלאגערן שיף,
מען קען דאך א וואָרט גאָרניט הערן!
נאָר ווער דאַרף די ווערטער,
אַז שטראָמען פון פרייד
פליסן מיט זודיקע טרערן . . .

עס שמייכלט א קינד,
צו דעם מאַטן אראָפ
אויף די הענט פון דער מאַמען: —
באלד וועלן מיר אַלע,
פאָפּעלע, זיין,
פאָפּעלע־מאַמע צוזאַמען . . .

די מיידל, די בלאָנדע,
מיטן גאָלדענעם קאָפּ,
זי שייגט דאך ווי טויזנטער זונען! —
וואו האָסטו איר,
יאָג מיר, די ברכה פון גאָט,
די כלה, די שיינע, געפונען?

טאָג ווי נאַכט,
פון שיפל און שיף,
איינער דעם צווייטן שרייט איבער;
פון אַלע צוזאַמען,
איין טראַגיש געשריי
פון טויזנטער מיילן אַריבער . . .

פינסטערע שעה׳ן,
פאַרצווייפלונג און שרעק,
דער ים, ווי דאָס האַרץ ווערט צעריסן! . . .
הונדערטער שיפלעך
הין און צוריק —
קיינער קען גאָרניט וויסן . . .

שניידט זיך אַ פאָטער
די אָדערן אויף,
שפּרינגט אין ים זיך צו טויטן,
לאָזט איבער אַ פרוי
מיט קינדערלעך צווייי,
צוריק אין וועג זיך צו גרייטן . . .

ניין הונדערט אידן
צוריק, אין גהינום,
צוריק אין דעם לאגער פון פּיין! —
ניטאָ איז קיין אָרט
פאַר זיי שוין אין קובאַ,
און עס וועט שוין פאַר קיין איד ניט זיין!...

„מיר וועלן זיך וואַרפן
אַלע אין ים,
מיר וועלן צוריק שוין ניט פאָרן!“ —
נאָר העלפן זיי,
האָבן מיר גאָרניט געקענט,
ווי איז צו אונזערע יאָרן!...

די לעצטע נאַכט,
די שיף זי וואַכט...
כוואַליעס רוישן — בלוט און טרערן!...
עס זעגנט זיך מאַמע,
מאַמע און קינד... —
ווער קען עס גאָר צוזען און הערן?...

ווי ווייט איז פון שיפל
פון שיפל ביז שיף,
דאַכט זיך מיט דער האַנט צו דערלאַנגען!

עס האָט זיך דער ים
מיט שוואַרצן קרעפּ,
ווי אַן אבל אין טרויער פאַרהאַנגען . . .

אויפן זיבעטן טאָג,
די שיף זי רירט.
באַוואַכט פון שיפלעך מאַרינען;
עס איז זיי פאַרבאָטן
אַפילו אין ים,
אין ים דעם טויט צו געפינען! . . .

שטייען מאַטראָזן,
באַוואָפנט, געגרייט,
ניט לאָזן אין ים קיינעם שפּרינגען . . .
ניין הונדערט אידן
פאָרן צום טויט,
צוריק אין די נאַציישע רינגען . . .

זיי פאָכען מיט טיכלעך
צו אונז, אויפן ברעג,
צו אונז — די לויה־באַגלייטער! . . .
האָט איר שוין װען,
אַמאָל ווען געזען,
ווי עס פאָכעט אַ טיכל אַ טויטער? . . .

מיר האָבן געזען
די טיכלעך, די ווייסע.
זיי האָבן געפֿלאַטערט — און בלוט האָט געטריפֿט!
פֿון פֿינסטערן אָפּגרונט
אַרויס זענען שדים,
און האָבן מיט זיי געהוליעט, געשטיפֿט! . . .

וויגן אין ים זיך
ווייסינקע מעוועס —
נשמות פֿון הײמלאָזע אידן . . .
זיי האָבן אויף דער ערד
קיין אָרט ניט געפֿונען,
שוועבן זיי רואיק, צופֿרידן . . .

# די קדושים פון דער געטאָ

## (פּאָעמע)

ליל שמורים — די געטאָ וואַכט,
פול מיט סודות איז די נאַכט . . .
ס'איז קיין מצה, וויין ניטאָ,
בלויז די כוסות — בלוט מיט טרערן . . .
מיליאָנען אויסגעשטיקט, פאַרנאַרט,
וואָס וועט זיין דאָ? וואָס וועט ווערן? . . .

ס'האָט קיין זין צו וואַרטן דאָ,
מען זאָל פירן אונז צום טויט,
און וואָס וועט זיין אז נאָך א שעה? —
אז סיי ווי סיי איז טויט געגרייט!
זאָל מען אויפהויבן די פאָן
פון מרידה איבער וועלט —
קינד און קייט, מיט וואָס ער קאָן
קעגן מערדער זיך געשטעלט!

דער באַגינען בלוטיקט רויט.
ס'איז קיין זון ניט, נאָר א וואונד
פון א גרויסע, גרויסע האַרץ,

פון אַ גרויסן, אַלטן פֿאָלק,
וואָס מען שטיקט אויס, און מען ווערגט,
און מען שעכט אויס אומגעשטערט . . .

מער שוין ניט! — קלינגען טריט —
פון דער געטאָ מער קיין איד
וועט איר פירן צו דערשטיקן! —
מיר וועלן ביזן לעצטן אָטעם,
שטאָל און פֿאַנצער פון דעם טאַנק,
מיט די ציין און נעגל פליקן!

זיי שאַרן זיך ביי די ווענט —
די מערדער אין די טאַנקען . . . —
ווילן ווידער שעכטן פירן,
ווילן ווידער אונז פֿאַרפירן,
נאָר מיר האָבן זיי דערקענט! —
און מיט די בלוטיזע הענט! —
זעט — ווי דער טאַנק ברענט!

איינס נאָך איינעם אין דעם פייער
לויפן קדושים, שפרינגען העלדן,
און זיי רייסן מיט די פויסטן, און גראַנאַטן,
מיט קדושה און מיט גבורה,
אָט דער טומאה, אָט דעם טאַנק,
און די נאַצים — פגרים אין געשטאַנק . . .

שווינבלט, גריבלט איצט די געטאָ,
פול מיט פייער, פול מיט גלויבן,
אַלע זענען איצט דערהויבן —
צו זיין אויסדערוויילטע קדושים,
צו פאַראייביקן דעם נאָמען
פון אַ פאָלק, וואָס וויים צו קעמפן,
מיט דעם גרעסטן, ערגסטן שונא,
פאַר דעם נאָמען, פאַר דעם כבוד,
פון זיין פאָלק און פון זיין גאָט.

זייט ער פייער פון דעם הימל —
באָמבעס פליען פון עראָפּלאַנען,
און זיי הילן איין דער געטאָ
מיט סנאַראַדן און מיט פלאַמען;
נאָר אַלע האַלטן זיך צוזאַמען!
און מען טרעט קיין טראָט נים אָפּ!
און עס וואַלגערט זיך אין רינשטאָק
נים איין נאַצי, נאַצי קאָפּ . . .

קעמפן אידן און זיי פאַלן,
ווי די העלדן, ווי די לייבן,
און זיי גיבן שלאַכט נים אויף!
מען פאַרטיידיקט יעדעם הויז!
און מען קעמפט פאַר יעדן שטאָק!
און די באַזיגטע ווערן זיגער
נאָך די צוויי און פערציק טאָג.

ווער פֿאַרטונקלען קען דעם רום
פֿון דעם געטאָ־העלד, דעם איד?! —
וועלכער האָט פֿאַרמאָסטן זיך
מיט דער שוואַרצסטער מאַכט אין קריג,
און פֿאַרוים געוואוסט, באַשטימט —
כאָטש פֿאַרשפּילן וועט ער שלאַכט —
אַז דער זיגער וועט ער זיין,
ווען פֿאַרבייגיין וועט די נאַכט . . .

העלדן־קדושים, ברידער מיינע,
מיט וואָס האָב איך געזינדיקט —
צו שטיין פֿון דער וויטן
אין דעם הייליקן געפּעכט,
און ניט זוכה זיין, אין פֿייער
פֿאַר מיין פֿאָלק און גאָט אָפּגעבן
אַלץ וואָס ליב איז מיר און טייער?

זאָל מיין ליד די זינד אויסקויפֿן!
גאָט אין הימל ווייס דעם אמת,
ווען איך וואָלט געווען אין געטאָ
וואָלט איך אויך ווי איר געקעמפֿט,
און געוואָרפֿן זיך אין פֿלאַמען
מיט מיין האַרץ און מיין נשמה,
און מיין בלוט, מיט אייך צוזאַמען,
וואָלט געזאָגט נאָר נקמה . . .

כ'וואָלט געפאַלן מיט די העלדן
פאַרן כבוד פון מיין פאָלק,
פאַרן כבוד פון דעם נאָמען,
וואָס איך טראָג מיט שטאָלץ!
און פעסט וואָלט איך געהאַלטן
מיין פאָן פון ווייס און בלאָ,
אין איר זיך איינגעהילט —
וואָלט איך אין לעצטער שעה . . .

איז דאָך מיר באַשערט —
צו לעבן און באַקלאָגן
די מיליאָנען אידן
דערשטיקטע און דערוואָרגן . . .
לאָזט מיר באַטש די נעמען
פון מיינע שוועסטער, ברידער
הייליק האַלטן, טייער,
טיף אין האַרץ פאַרבאָרגן . . .

# חנוכה ליכטעלעך

איך זע ניט קיין פייערלעך דאָ אין די שויבן,
עס ברענען קיין חנוכה ליכטלעך אין פענסטער,
וואָס זאָלן מיין נשמה באַלייכטן מיט גלויבן
אין פינסטערע נעכט פון ווילדע געשפּענסטער...

דאָרט אין דער היימישער, אָרעמער שטעטל
האָט יעטווידער פענסטער געלויכטן, געגלימט;
דורך אייזיקן טרויער פון פינסטערן גלות,
געשיינט האָט אין פענסטער די נשמה פון איד.

און דאָ, איז דאָך פינסטער אַזוי־אַ דער דרויסן,
כאָטש טויזנטער שטערן דעם הימל באַשיינען;
דעם אידישן שטערן! — אים בין איך אויסן...
די אַלע וואָס שיינען — זענען ניט מיינע...

כ'זע דאָ בלויז לייכטן די קריסטמעס־בוימער,
די יאָלקעס, די גרינע, מיט ליכטלעך באַהאַנגען;
וואו איז פון אונזערע ליכטלעך דער שומר,
וואָס זאָל זיי אָנצינדן מיט שטילע געזאַנגען?

עס איז דאָך דאָ פינסטער ביי אונז אין די פענסטער,
אַזוי ווי ס'איז פינסטער ביים איד טיף אין האַרצן...
פאַרלאָשן געוואָרן די ליכטל פון גלויבן —
שאָטנ'ט אַרום דער טאָג אויך אין שוואַרצן...

## וואו זאָל איך בענטשן מיין חנוכה־ליכטל?

וואו זאָל איך בענטשן מיין חנוכה־ליכטל?
ניט נאָר איך זע ניט קיין פענסטער, קיין שויבן,
איך קען ניט געפינען דאָס אָרט פון מיין הייזל, —
אוועק איז מיין שטעטל אויף אַש און אויף שטויבן...

זאָל איך איר צינדן אויפן פעלד אויף דעם וויסטן?
וואו פון אַלע זייטן די ווינטן זיי בלאָזן,
ווי שדים, ווי רוחות, וואָס ווילן אומיסטן
מיין הייליקע־ליכטל ברענען ניט לאָזן.

זאָל איך איר צינדן אין וואַלד צווישן ביימער?
וואו קיינער וועט זען און באַמערקן איר שיין;
און עס וועלן די צווייגן, ווי פאַר'חלומ'טע־טרוימער,
באַוואונדערן אין דער נאַכט איר ליכט און מיין פיין...

זאָל איך איר צינדן נעבן די קברים?
וואו עס ליגן אַלע פון שטעטל פאַרשאָטן,
איר — זאָל איך צינדן, ווי אַ נר תמיד,
און איך זאָל פאַרבלייבן — אַן אייביקער־שאָטן!...

וואו זאָל איך בענטשן מיין חנוכה־ליכטל? —
אַז איך קען ניט געפינען דאָס אָרט פון דעם שטעטל!
איך זע נאָר פאַר־מיר — אַ פעלד, אַ פאַרשנייטע, —
קיין נאָמען פאַרצייכנט, אפילו אויף אַ ברעטל!

# מיר צינדן די חנוכה ליכטלעך דאָך ווידער

מיר צינדן די חנוכה ליכטלעך דאָך ווידער!
כאָטש מען האָט אונז מיליאָנען דערשטיקט און פאַרשניטן;
עס איז אונזער שארית־הפליטה געלונגען,
ווי דאָס ביסעלע בוימל אין קריגל, פאַרהיטן...

צינדן מיר ליכטלעך פון אייביקע ניסים,
און עס זענען די צינדער — אויך ניסים אַליין!
צווישן די חורבות פון שטעט און פון לענדער,
לייכט אונזער פלעמל, — כאָטש שוואַך נאָך און קליין.

אין דער פאַרשאָלטענער, פינסטערער פוילן,
וואו עס זענען געווען אידן מיליאָנען,
צינדן היינט צענדליקער־טויזנטער ווידער
די חנוכה ליכטלעך, — וואָס לייכטן, דערמאָנען:

איר האָט אונז געוואָלט אויף אייביק פאַרלעשן!
געשטיקט אונז, געוואָרגן, געמיינט שוין ניטאָ...
זעט נאָר ווי לויטער, ווי הייליק מיר ברענען...
ווי קוואַלן פון קדושה, פון געטלעכן דנא.

און אין דעם לאַנד פון די טמאים, די נבזה׳ס,
די ברוינע וואַמפּירן מיט טייוול׳שן זינען,
וואָס האָבן געוואָלט פון דער ערד אונז פאַרווישן, —
זעט איר היינט חנוכה־ליכטלעך דאָרט מיניען...

עס וועט אונזער ליכט אויף דער ערד זיך ניט לעשן,
אַזוי ווי דאָס ליכט פון דעם הימל — די שטערן;
וואָס מערער די ווינטן, די בייזע זיי בלאָזן, —
אַלץ מערער און שטאַרקער דאָס ליכט וועט זיך מערן.

מיר זענען די ליכטלעך, די קליינע, וואָס ברענען,
און צינדן די דערנער — די פעלקער, וואָס צאַמען
און לאָזן ניט גיין דעם קינד צו זיין מאַמען,
וואָס רייסט זיך מיט גבורה איבער אַלינקע ים׳ען...

דער נס, וואָס געשען איז מיט טויזנטער יאָרן,
הערט אויף אַ ווייל אונז ניט אויף צו באַגלייטן;
עס ווערט אונזער היים אויף דאָס ניי איצט געבאָרן,
פון אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין מורא פאַר טויטן!...

# שמחת תורה

צינדט די ליכטער אין די פענער!
נעמט די רייניקייט פון ארון.
און געגאנגען צו הקפות —
ווי איר וואלט קיינעם ניט פארלארן . . .

ס'איז א מצוה היינט צו טרינקען,
שמחת-תורה איז אויף דער וועלט! —
אלע זענען דאך דא ווידער . . .
קיינער . . . קיינער פון אונז פעלט. . .

זיי טראגן שטאלצע די תורות,
אין מענטעלעך פון סאמעט און פליוויען;
פון אלינקע זייטן זיך רייסן
פינגער און ליפן צום קושן.

זאם גייען זיי אלע הקפות,
טאנצן און זינגען פון פרייד —
מיר זענען דאך אלע קרבנות
פאר דיר, פאר דיר געגרייט. . .

איר זעט ניט קיינעם? — נעמט אַ כוסה,
ווערט איר אַלע — אַלעמען זען! . . . —
אַ הייליקע מחנה, אַ גרויסע,
ווי נאָך קיינמאָל ניט געווען.

אַ וואַלד מיט ליכט און מיט פענער,
מיט תורות געשטערעקטע אין די הענט,
טאַנצן ווי חסידים צעפלאַמטע,
אַז די ערד אונטער זיי ברענט . . .

לאָמיר זשע טרינקען אַ כוסה! —
עס זאָלן זיך הויבן די פיס;
אויב זיי דאָרט מעגן טאַנצן,
מעגן מיר דאָ אויך געוויס! . . .

לחיים! — ברידער אייך אַלע,
לחיים! ברידער צום לעבן!
לאָזן מיר דורך שיכרות,
אַ סעקונדע פרייד אויסוועבן!

# דער טאָג פון זיג...

דער טאָג פון זיג איז געקומען,
די וועלט יובלט פון פרייד.
מיך האָט דער טרויער פאַרנומען,
איך וויין שטילינקערהייט...

איך וויל ניט די פרייד צעשטערן
ביי די זיגער פון קריג;
שטיקן אין האַלז מיר די טרערן —
שלינג איך אַראָפּ זיי צוריק...

כ׳ווייס, איך האָב דאָרט אַ מאַמען,
אַ שוועסטער, אַ ברודער און פריינט —
ווער פון זיי איז פאַרבליבן?
ווער פריידט זיך דאָרט היינט?

איז ניט אַמאָל גאָר דאָס שטעטל
איינגאַנצן פאַראַקערט, פאַרמעקט? —
און דער שאָל פון זיג
אויף אַ בית־עולם גאָר וועקט!

פּוילישע, ליטווישע אידן,
מיליאָנען חרובֿ'ע היימען,
מיר דוכט איך זע אייך מאַרשירן
איבער די פלאַמיקע תהומען.

דאָס גייט איר אַזוי פון מאַידאַנעק
אין אַ פּראָצעסיע געשלאָסן.
ד'ער טאָג פון זיג איז געקומען,
פאַר אייך — אויף אייביק פאַרלאָשן...

ווי קען איך זין פרייען
און פאַרנעמען די פרייד פון דער גאַס,
אַז איך הער אין געזאַנג די געשרייען,
פון זעקס מיליאָן אידן אין אַש...

זיג־טאָג פאַרשטערטער דו מיינער!
פאַרוואָס איז מיר אייביק באַשערט
דעם שיין פון ליכטיקן דרויסן
צו זען מיט אייגן פאַרטרערט?

אָ, ווילט זיך מיר פרייען!
וואו נעמט מען אַ האַרץ נאָר צו דעם?
עס זאָל מיך פון טרויער באַפרייען,
אַרויסרייסן מיר פון דעם קלעם.

און קענען מיט אַלע צוזאַמען —
געניסן דעם טאָג פון דעם זיג;
ווי קען מען פאַרגעסן אַ מאַמען? —
פאַל איך אַוועק און איך ליג...

מיר וועלן שוין קיינמאָל זיך פרייען,
פאַר אונז איז דער טרויער געפאַסט,
אונזער געזאַנג — די געשרייען
פון מיליאָנען, וואָס ווערן פאַרגאַזט...

# ווען איר וואָלט דערלעבט
# אָט דעם טאָג

ווען איר וואָלט דערלעבט אָט דעם טאָג,
ווי גוט וואָלט געווען היינט מיר —
עס וואָלט איז האַרץ ניט געקלאָגט
דער טרויער, ווי אַ הונט בײַ דער טיר...

איך זוך אים פאַרטרײַבן, פאַריאָגן,
ער וויל ניט, — ער קען ניט אַוועק;
ער הערט ניט אויף וואָיען און קלאָגן,
טיפער אין מיר זיך פאַרשטעקט...

ער לאָזט מיר ניט רוען קיין נאַכט, —
פאַרשטערט מיר מײַן פרייד און מײַן גליק;
ווי אַ געטרייער שומר ער וואַכט,
האַלט מיך געבונדן אויף אַ שטריק...

וואו נאָר איך גיב זיך אַ קער,
וואו נאָר איך גיב זיך אַ ווענד,
פיל איך אויף יעדווידן ריר —
ער האַלט מיך פעסט אין די הענט...

איך וועל שוין אייביק אזוי
זיך קיינמאָל באַפרייען פון אים,
ווייל ס'קען דאָך קיין מענטש אויף דער וועלט
אַנטלויפן פון זיין אייגענער שטים...

און זי שרייט נאָך פון מיר אַרויס
דוקא אין טאָג פון פרייד: —
פאַרוואָס האָב איך עס דערלעבט
און זיי — אַלע געטויט?!

בין איך דען פרימער פאַר זיי?
בין איך אַ בעסערער איד?
פאַרוואָס האָט מען זיי, ווי דעם שניי,
צעטראָטן מיט בלוטיקע טריט?

פאַר דעם איז מיין פרייד היינט געמישט
מיט אַזויפיל טרויער און צער;
איך זוך זיך באַפרייען, — אומזיסט! —
ער איז איבער מיר דאָך דער האַר...

# אין אַ צייט פון ציקלאָנען

אין אַ צייט פון ציקלאָנען
בינדט מען די בוימער צוזאַמען,
ווען דער שטורעם וועט קומען,
וועט ער די צווייגן צעברעכן, —
ניט ברעכן וועט ער די שטאַמען!

אין אַ צייט פון רעוואָלטן —
צעפּליקט מען די קייטן פון שקלאַפן. —
פרייע, צעיובלטע כוואַליעס,
גיסן זיך איבער די ברעגעס
און נעמען אַלץ איבער מיט וואָפן.

אין אַ צייט פון רעאַקציע —
זינגט מען מונטערע לידער.
זאָל מען אין פיינלעכע ווייען,
אין יאוש פאַרזונקענע ספקות,
דערהויבן מיט גלויבן זיך ווידער.

אין אַ צייט פון סאַדיזם —
ווען מענטש פאַרפייניקט אַ מענטשן,
פּילנדיק פריידּ אין זיין האַרץ,
ווען יענער זיך ראַנגלט מיט טויט —
פאַרליר ניט דעם גלויבן אין מענטשן!

אין אַ צייט פון ספקות —
טראָג אַריין דיין גלויבן!
לאָז ניט אין טרויער פאַרזינקען! —
ער זאָל ניט אין יאוש זיך טרינקען —
מיט מוטיקן ליד אים דערהויבן!

# ברידער מיינע!

ברידער מיינע, העלדן־יונגען! —
איר האט מיין שטעטל, היינט באפרייט!—
וויפל ברכות כ׳האב אין הארצן
שיק איך איבער אייך פון ווייט...

כ׳ווייס ניט צי ס׳לעבט מיין מאמע,
צי מיין ברודער — צי מיין שוועסטער
מיט די קינדערלעך די קליינע,
נאך דער שחיטה, נאך דער גרעסטער!...

וועט נאך האבן ווער די זכיה
זיך צו ווארפן אייך צו־פוסן —
און דעם שטויב פון אייערע פיס
מיטן גאנצן הארצן קושן?!

אויב ס׳איז קיינער ניט פארבליבן —
לאזט מיר פון דער וויטן פאלן
מיטן פנים צו דער ערד
פאר דער וועלט מיין פרייד אויסשאלן!

איר וועט נקמה דאָרטן נעמען —
פאַר די צעהאַנגענע אין וועלדער,
פאַר די קינדערלעך צעפּליקטע —
פון די מערדער פון די שענדער!...

פאַר די מיליאָנען אידן
אויסגעשאָכטן אין דערשטיקט,
און דעם אַש מיטן ווינט
איבער פעלד און וואַלד צעשיקט...

איר וועט הערן אין דעם שטורעם
אַט דעם וואָיען נאָך נקמה
פאַר מיין בלוט, פאַר מיין פאָלק,
וואָס פאַרגאָסן האָט דער טמא...

איר וועט פילן אין דעם שטויב
די אַש פון מיינע ברידער,
וועלכע פאַלן אויף די ליפּן
און זיי קושן אייך אָן גלידער...

איר וועט זען אויף יעדן טראָט
ווי עס וויינען, ווי עס קלאָגן,
די שטיינער פון די חורבות
אין די נעפּלען פון פאַרטראָגן...

ווי סע יאָמערן די נעכט
מיט גרויל פון כּה־הקל׳ן
ווי אַ ניאַגאַראַ פון בלוט
וואָלט אין שטראָמען זיך צעפּאַלן.

און געבעטן זיך ביי אייך: —
נקמה — איז די שטים פון גאָט
פאַר אונזערע פאַרגאָסן בלוט
אויף יעדן שפּאַן, אויף יעדן טראָט!...

זאָלט איר אין דעם גאַנג צום זיג
הייליק צאָלן — מיט בלוט פאַר בלוט!
און גאָט אַליין וועט אייך בענטשן,
ער וועט זאָגן — איר טוט גוט...

# ישראל

דעם ערשטן פּרעזידענט
פון ישראל, —
דעם נשיא חיים ווייצמאַן, —
בכל לבבי ונפשי.

# די איינציקע ברעגעס וואָס רופן

פון וועלדער, פון היילן, פון קאַצעט און בונקער,
זיי קומען, זיי קומען אויף שיפן.
ניט נאַכט און ניט ים קען דערגרונטעווען זיך
צו זייערע פיינלעכע טיפן...

די וועלט, וואָס געווען, איז אַוועק מיטן רויך,
דער נעכטן — אויף אייביק פאַרווישט.
דער ליכטיקסטער טאָג פון מאָרגן — איז בלייך...
הימל און ערד איז צעמישט...

גיט מען זיך איבער צום שטורעם פון ים,
ער זאָל צו דער היימלאַנד דערפירן,
די אַלטע, צעבראָכענע גלות'דיק שיף,
קוים וואָס זי קען זיך גאָר רירן...

שטייען די ברעגעס און וואַרטן אויף זיי,
די איינציקע ברעגעס וואָס רופן...
עס טאַנצן די כוואַליעס אַנטקעגן מיט פרייד,
ווי זיי וואָלטן זיין בגלופין...

עס קומען די קינדער צוריק אין דער היים.
די נאַכט גיט זיי שוץ ווי אַ מוטער.
אַ ליכטיקער שטערנדל ווינקט אין געהיים,
אַ שטערן —אַ בלויער — אַ גוטער...

און אונטער דעם בלאסן שטערנישן שיין
האלזן זיך ברידער און שוועסטער;
דאס וואס געווען — וועט מער שוין ניט זיין,
דריקט מען זיך קושנדיק, פעסטער.

גייט אויף א זון פארוואונדערט, צעשטראלט,
פנימ׳ער לייכטן און גליען!...
זי זעט אוים בלאס, אפגעלעבט, אלט,
אנטקעגן די עולים פון ציון...

זיי האבן א ליכט, א גלויבן אין זיך
געשליפן פון לייד און פון פלאגן;
ניט זון און ניט שטערן, ניט קיינס אויף דער וועלט,
נאר זיי אליין עס פארמאגן!...

דאס קומט פון דעם טיפסטן, געלייטערטן גלויבן,
פון גאט און מענטש אין באהעפט,
ווען טויזנטער יארן פון טרוימען און בייגקשאפט
פארווירקלעכט געווארן ער טרעפט...

זעט ער אין אלץ א ציל און א זין,
אפילו אין ליידן און פיין,
דער שטויב און דער זאמד ווערט פארוואנדלט אין גריין
אונטער דעם גלויביקערס שיין...

# טריט פון משיח

טריט פון משיח
וועקן און רופן
פון בארג און פון טאָל;
דורך בלוט און דורך פייער
מיט וואונדן פארשאָטן —
דאָך מוטיק דער קול!

פון אַלע פיר זייטן
וועלטן מיט צאַמען
אויף יעטווידן טראָט...
זיי רייסן די קייטן
און שפּאַלטן די ימ׳ען
מיט גלויבן אין גאָט!

ער האָט אונז פארטריבן
פון לאַנד פון די אבות
און רופט אונז צוריק!
מיליאָנען קדושים
מיט זייערע לעבנס
זענען די בריק...

אין ווער עס איז עולה
איצטער קיין ארץ
איז דאך משיח אליין! —
פון קאצעט, פון בונקער
פון וואלד און פון לאגער,
זיי גייען — זיי קומען צוגיין!

גריט פון משיח,
איך הער זייער עכא
פון אלע פיר זייטן פון וועלט!
וואו נאר א איד
האט די בשורה פארנומען —
די פרייד פון גאולה קוועלט.

# ליד פון גאולה

געהויבן זאָל ווערן די כוסות!
געטרונקען זאָל ווערן דער ווייַן! —
אַ סוף צו די גרויזאַמע צרות —
און עק צו דעם אייביקן פּיַין!

מיר טרינקען דעם כּוס פון גאולה,
לחיים, ברידער, אייך היינט!
מיר זענען אַ פאָלק שוין ווי אַלע —
לחכעיס אונזערע פייַנט!...

העכער געהויבן דעם בעכער!
שוימיקער, שוימיקער ווייַן! —
פון אַלע שפּאַרונעס אין לעבער,
גייט־אויף אַזאַ ליכטיקער שייַן!

וואָס בלענדט מיט טויזנטער זונען,
שווער צו פאַרנעמען זייַן ליכט;
עס זענען די וואָלקנס צערונען
פון אונזער פאַר׳צער׳טן געזיכט...

עס הויבן די פיס זיך צום טאַנצן,
עס זינגט אין אונז יעדער אבר;
עס וואַקסן היינט בלומען־קראַנצן
אויף יעטווידן אידישן קבר.

זיי זענען אומזיסט ניט געפאלן,
זיי האָבן די גאולה געבראַכט!
די שופרות פון ציון שאַלן —
אוועק איז פון גלות די נאַכט!

מיר בויען צוריק אונזער לאנד,
מיט אלע כוחות און מוט,
וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין אונז,
מיטן לעצטן טראָפּן פון בלוט!

וואו נאָר די וועלט האָט א ברעג,
שטייען אירע זין איצט געגרייט,
פון יוגנט די ליכטיקסטע טעג —
פארן לאַנד אָפּגעבן מיט פרייד!...

# געבענטשט איז דער טאָג

געבענטשט איז דער טאָג פון היינט אויף דער וועלט!
עס בּלענדט יעדער שטויב, עס לייכט יעדער זאַך.
וואו אַ ווארף מיטן אויג — ריזלט און קוועלט,
ווי עס וואַלטן וואולקאַנען פון פריידן געקראַכט...

און פלייצן מיט לאַוועס, מיט ליכטיקן שיין
איבּער דער פינסטערער ברודיקער ערד.
אַ סוף איז געקומען צום אידישן פיין,
געניג שוין געיאָגט, געקלאָגט און געטרערט.

איך קוק און איך גלויב ניט אַליין וואָס איך זע —
אין יעטווידער אויג אַ פייערל ברענט...
פאַרווישט איז דער צער אויף דעם פּנים פון איד,
כ׳וואָלט מיין אייגענעם ברודער דאָך איצט ניט דערקענט.

עס שפּרודלט מיט פרייד דאָך פון יעטווידן טראָט,
עס רייסט זיך דאָס האַרץ מיט געזאַנג פון דער ברוסט —
דער איד וועט ניט זיין מער צו שאַנד און צו שפּאָט! —
דערגרייכט האָט דעם ציל, וואָס געשטרעבט און געגלוסט.

פון צפון, פון דרום, פון מזרח און מערב,
דאָס ליד פון גאולה, אויף אַלעמענס ליפּן.
איין איד פאַרן צווייטן איז אייביק דאָך ערב,
פאַר דעם וועט די פרייד איצט אויך קיינעם ניט היפּן...

זינגען מיר אַלע דאָס ליד פון גאולה,
מיט אויגן וואָס בליצן פון פרייד און פון גליק,
מיט הערצער פון איינעם צום צווייטן געטוליעט,
מיט אַקסל צו אַקסל געפלאָכטן ווי אַ שטריק...

עס טאַנצט איצט אַ האָרא די וועלט אויך אַליין,
אין אַ קרייז פוי ליכט, פון זונען מיט שטערן.
עס איז קיינמאָל דער טאָג ניט געווען אַזוי שיין,
ווען הערצער זיך באָדן אין פרייד פון טרערן!...

טאָג דו געבענטשטער מיט אייביקער ליכט,
מיר וועלן די שטראַלן אויף אייביק פאַרבאַהאַלטן;
ווער ס'וועט אַ בליק טאָן אויף אונזער געזיכט —
וועט אים די פרייד און ליבע פאַרהאַלטן...

# האָראַ

מיר טאַנצן אַלע, קינד און קייט,
אין אַ קרייז פון ליכט און פרייד.
הענט און אַקסל אַנגעשלאָסן,
פון איין פורעם אויסגעגאָסן...

פיס זיי שוועבן אין דער לופט
קערפּערס הויבן זיך און פאַלן.
פון דער ווייט עמיץ רופט —
שופרות וועקן, שופרות שאַלן!

קוקט זיך צו: — משיח גייט,
ניט אַליין, נאָר מיט מיליאָנען.
און ער טראָגט אין האַנט די קייט
אויסגעפּוצט מיט ציון־פאָנען.

— ווייסט איר ווער ס'האָט געבראַכט,
דאָס די קייט אויף מיר זאָל קראַכן? —
ניט דער טאָג, און ניט די נאַכט,
אין ניט קיינס פון די ערדישע זאַכן.

דאָס האָט די הימל־קראַפט
פון דעם איד דעם גלויביקן
צוריק צום לאַנד זיך אומגעקערט
אויף דעם פעלז דעם שטייניקן.

און זיין שוויים אין אים געגאָסן,
און זיין בלוט מיט פרייד געגעבן,
ביז די ערד האָט אויסגעשאָסן
פון איר טראַכט די פרוכט פון לעבן.

און מדבר — איז געוואָרן פעלד,
און זומפּן — גערטנער מיט בלומען.
דאָס איז אַ דאנק אָט דעם העלד,
וואָס איז דאָ דער ערשטער געקומען.

און אין זומפּ געלייגט זיין יוגנט,
און אין שטיין געקריצט זיין טאָג,
און מיט ווייניק זיך באַנוגנט,
ניט געוויינט און ניט געקלאָגט...

ער האָט די קייט צעריסן
אויף מיין האַנט און אויף מיין לאַנד,
מיט די ציין האָט ער צעביסן
דעם לעצטן גלות־רינג פון שאַנד...

פאַר דעם מאַנצן הייכט אַ האָראַ
אַלע אידן אויף דער וועלט;
מער קיין קייטן אויף די פיס! —
פריי דעם טראָט מיט פרייד געשטעלט..

# העלדן פון ישראל

העלדן פון ישראל,
גיבורים פון אמאל,
עס באוואונדערט אייך דער גליל
און דער שרון־טאל.
וואו האָט איר גענומען
אין זיך אָט די־אָ קראפט,
אזוי פיל פיינט פארשטומען? —
די וועלט זי שטייט פארגאפט...

קינדער פון דעם גלות,
פון קאצעט און פון בונקער,
פון אָשוויענטשים און מיידאנעק,
פון גאז־קאמער פון יונקער,
געשטעמפּלטע ווי בהמות
אויף מארגן צו דער שחיטה,
פון פראנקרייך און פון דייטשלאנד,
פון פוילן און פון ליטע.

געוואנדערט איבער לענדער,
געוואַגלט איבער ים׳ען,
באפרייט זיך פון דעם שענדער,
צעריסן אלע צאמען,

ביז דערפילט דעם באָרן
אונטער אייערע פיס
און צו דער ערד געפאַלן
אויסגעקושט איר זיס...

דאָרף נאָך דאָרף געבויט,
איבער פעלז און זומפּ,
קיין שטיין געווען צו־שווער,
קיין זומפּ געווען צו־טיף.
אין אויב מען האָט באַדאַרפט
איז גענוג געווען אַ נאַכט —
און מיט פרימאָרגן־זון
אין מדבר — ישוב וואַכט!...

אַזוי געבויט ישובים,
קיבוצים און שטעט,
גערטנער געפלאַנצט,
פעלדער וואו איר זעט
מיט תבואה פול באַלאָדן
מיט פרוכטן אַלערליי —
דאָס איז דער זיג פון אַרבעט
פון אַן אַרבעטער אַרמיי...

איז דער פיינט געקומען
און וויל עס אַלץ פאַרניכטן,

און פאר זיך פארנעמיען
די מי פון שוויים און בלוט.
האבן אידיש קינדער
אנגעגורט די לענדן
אין ארויס צום שלאכט
מיט א ים פון מוט...

0 0 0

און בבל און אשור,
און מצרי, עמלק,
די נעמען געביטן,
די וועגן — די זעלבע.
ווי וואגט עם ישראל
אויפשטיין ווידער,
פון קבר, פון גלות,
פון ביינער אן גלידער?

און עס רייסן חילות
מיט פאנצער און פייער,
און ציגדן די שטיבער,
דעם שטאל און דעם שייער. —
אין טעג בלויז געציילטע
יעט גאר דא ניט בלייבן,
מיר וועלן די אידן
אין ים ארייגטרייבן! —

נאָר וואונדער אויף וואונדער!
ס'איז שווער צו פאַרנעמען: —
צען קענען הונדערט,
זיי קעמפן און פלעמען,
און טרייבן און יאָגן
אויף אַלענקע פראָנטן,
און וואַרפן אַ פחד
אויף ווייטן און נאָענטן...

די זין פון ישראל,
ווער קען זיי דערקענען? —
זיי פליען ווי אָדלערס,
צינדן און ברענען,
און רייסן מיט פויסטן
אריין זיך אין פייער,
פאַר יעדן שפּאַן ערד
וואָס איז הייליק און טייער.

כאַלדאַטן, מאַטראָזן,
פליער, סאַפּיאָרן,
אין בלוט און אין פייער
זיי ווערן געבאָרן,
שטייען און היטן
דאָס לאַנד פון ישראל,
און וואַרפן אן אימה
אויף די זין פון ישמעאל...

# איך שטיי פון דער ווייטן,
# און איר דאָרטן קעמפט!

איך שטיי פון דער ווייטן און איר דאָרטן קעמפט!
איר גיט אייער בלוט — און איך וואָס גיב דאָ? —
איך שעם זיך צו זאָגן. אין האַרצן מיר קרעמפט,
צי בין איך גאָר ראוי צו לעבן די שעה? . . .

דורות פאַר מיר, האָבן גע'חלומ'ט, געבענקט
צי דערלעבן די צייט פון גאולת העם;
און איצט, אַז געקומען — פיל איך זיך געקרענקט, —
איך שטיי פון דער ווייט, ווי אַ נאַר, ווי אַ תם.

מיין שוועסטער, אַ פרוי, זי קעמפט מיטן ביקס,
שלאָפט ניט די נאַכט, שטייט אויף דער וואַך . . .
און פאַרגעסט ניט צו שרייבן אין באַגינען אַ בריוו
צו איינעם, וואָס איז פאַרבליבן פון טויטע אַ סך . . .

און איך דאָ מיר גיי, ווי שטענדיק אַרום,
ווי עס וואָלט קיין זאַך געווען, קיין זאַך געשען;
צי מעג איך גאָר רעדן, דאַרף ניט זיין שטום,
ווען דאָרטן זיי קעמפן על קידוש השם! . . .

איך גיב שוין אַ דאָלער, אַ צווייטער — גיט צוויי,
וואָס איז דאָ דאָס געלט — ווען יענער גיט בלוט?! —
איך פיל זיך פאַרצווייפלט געפאַלן אַזוי,
וואָס אויך איך קען ניט פאַלן ווי זיי דאָרט מיט מוט . . .

וואָס אויך איך קען ניט פאַרבן דאָס הייליקע ערד,
מיט מיין בלוט פאַר מיין פאָלק, פאַר מיין היים, פאַר מיין לאַנד;
צי בין איך קיין איד ניט, צי בין איך ניט ווערט
צו זיין אויך אַ גואל? — פאַרוואָס קומט מיר די שאַנד?!

איך זוך ניט קיין ענטפער, כאָטש איך קען אים געפינען: —
עס טיילן מיר טויזנטער מיילן פון זיי. —
דאָך דאָס איז אַ תירוץ — אַ תירוץ דעם זינען,
אָבער ניט פאַר דאָס האַרץ, וואָס בלוטיקט אַזוי . . .

איך קען זיך ניט העלפן, און אייך — אויך געוויס,
איך האָב ניט די זכיה צו שטיין אויף דער וואַך,
ווי נים איינער אין אַרץ מיט וואונדיקע פיס,
מיר זאָלן ניט זיין מער צו שאַנד און צו שמאַכט . . .

# גוט יום טוב אײך אַלע!

גוט יום טוב אײך אַלע! גוט יום טוב, גוט יאָר!
די לײכטער פון שבת שטעלט אויפן טיש.
צינדט אָן די ליכט, בענטשט אָט די וואָר
פון קדושה און גבורה — קוואַלן צוויי פריש...

די פאָן פון נצחון פלאַטערט אין רוים.
די זון, זי שפיגלט אין איר זיך און קוועלט,
ס'איז שווער פאַר אונז אַלע זיך פאָרשטעלן קוים —
אַ פאָלק האַלב דערקוילעט באַזיגט האָט אַ וועלט.

דער בלום פון די יוגנט איז געפאַלן אין שלאַכט,
יעדער שפאַן־ערד מיט בלוט אויסגעקויפט.
אויך איצט שטייט ישראל געגורט און ער וואַכט,
און קוקט אויף דער צייט, די שוואַרצע, וואָס לויפט...

וועלן זײ לאָזן אונז שטײן אָן אַ זײט,
בויען אַ הײם פאַר דעם דאַכלאָזן פאָלק?
וואָס קומט איצט צוריק פון פאַרוואָרפנסטער ווײט,
אָן אַ פּלאַן, אָן אַ ציל, אָן אַ לאַד, אָן אַ טאָלק.

וויל רו, וויל שטיל, וויל הייב און וויל זעט.
וויל ווייב און וויל קינד, וויל אַרבעט און פרייד.
און האָט ניט צו מאָל קיין קלייד און קיין גרעט,
נאָר זכרונות פון נעכטן: פון גרויל און פון טויט...

ישׂראל! וואָלט וועלט דיר פאַרשטאַנען, געפילט,
וואָלט זי מיט ברכה דיין נאָמען דערמאָנט.
און ניט ווי די חיות אין מדבר געברילט,
נאָר הילף דיר געבראַכט פון ווייט און פון נאָענט.

דער וועג איז נאָך שווער — דו גייסט שוין אויף איר,
הינטער אייגענער פאָן, מיט אייגענע זין,
וואָס זענען געגרייט צו קעמפן פאַר דיר
ביז נאַכט וועט צעגיין אונטער ליכט פון באַגין...

פאַר דעם איז דער יום־טוב הייגט אַזוי גרויס.
אַ יאָר ביזטו אַלט און זעסט אויס ווי פון מער!
באַדאַרפסט וואַלסטו רוען, ווי אַ קינד נאָך אין שויס,
און עס רייסט פון דיין אויג שוין אַ זקנה'ישע טרער...

# לאַנד מיינס, ישראל!

לאַנד מיינס, ישראל,
כ׳שטיי פון דער ווייטן,
פאַר טויזנטער מיילן,
אַ קינד אַ פאַרביינקטער,
קוק אויס די אויגן,
דורך וויזיע און חלום,
צו קענען באַטראַכטן
דיין הייליקן באָדן,
וואו עס ציען און פליען
טויזנטער אידן,
וואָס קומען זייער לייב
און לעבן פאַרטרויען.

לאַנד מיינס, ישראל,
חלום, צי וואָר?
ביזטו באמת
אַלט שוין אַ יאָר?
אָט געכטן געבוירן
אין פייער און בלוט
און גבורה באַוויזן —
פאַר טויזנטער יאָר!
אין טעג און וואָכן
באַזיגט דעם פיינט,
צעשמעטערט די יאָכן! —
פון גאולה באַשיינט.

לאַנד מײַנס, ישׂראל,
הײליקע מײַנס!
כ'װעל נאָך אַ ציגל
מיט אײגענעם שװײס
אין בנין הארץ
אַלײן אַרײַנבױען.
און היטן דעם גרעזל,
דעם בלימל, דעם בױם,
װאָס װעלן דעם מדבר
מיט לעבן באַצירן,
ניט לאָזן קײן טמא.
די קדושה באַרירן...

לאַנד מײַנס, ישׂראל,
כ'האָב שױן דעם ים
ניט אײנמאָל געשניטן
און װעל אים נאָך שנײַדן --
ביז דיר װעל דערגרײכן
און קניען און קושן,
װי יהודה הלוי
דײַן הײליקע ערד,
און בעטן מחילה
פֿאַרן שטײן פֿון דער װײַטן,
װען בלוט האָט גערונען
און הארץ האָט געטרערט...

לאַנד מיינס, ישראל,
מאַמע געטרייע!
איך בין דאָך ניט איינער! —
מיר זענען מיליאָנען
קינדער פאַרטריבן,
פאַריאָגטע, וואָס מאָנען
די פרייהייט צו קומען
צו דיר זיך צו טוליען,
ניט אַלע זיי קענען...
ניט אַלע נאָך ווילן...
נאָר אַלע איין ליבע
צו אַ מאַמען שוין פילן...

לאַנד מיינס, ישראל,
אייביקע מיינס!
איך בין אין דרויסן
אָבער דו ביזט אין מיר!...
לייכסט דאָך אַרויס
פון מיין יעטווידן שיר,
וואָס קומט פון מיין האַרץ,
ווי אַ קוואַל פון געזאַנג
וואָס האַקט דורך דעם פעלדז,
און שניידט דורך דער טיף
צו דער זון, צו דער ליכט —
אַ דאַנק דיר! אַ דאַנק!...

# צו מיין שוועסטער אין ישׂראל

## (פּאָעמע)

— 1 —

כ׳ווייס ניט צו האָסט עס פאַרגעסן,
צי אפשר גאָר קיינמאָל געוואוסט?
ווייל ז׳ו ביזט אַ קינד נאָך געוועזן,
אַן עופּה׳לע ביי דער מאַמעס ברוסט.
דער דייטש האָט געצונדן דער שטעטל,
פאַרהילט איר אין פייער און בראַנד,
און די באָבע, די מאַמע און קינדער
זענען געלאָפן מיט דיר אויפן האַנט.

וואָכן נאָך וואָכן געלאָפן...
פון הינטן דער דייטש האָט געיאָגט,
וואו געוואַכט — ניט געשלאָפן,
וואו גענאַכט — ניט געטאָגט.
די פיס, די מידע, געבראָכן,
אין האַרץ דער הונגער געקלעמט.
די זון האָט אַ ווייל זיך באַוויזן,
דערזען, — און אַנטלאָפן פאַרשעמט...

דער בוים האָט ביים זייט ניט גענריסט,
דער גראָז איז געלעגן צעטראָטן.
הימל און ערד האָבן געמישט
אין געקנאַל פון סנאַראַד, פולמיאָטן.
געברענט האָבן שטעט, ווי מיסט,
ווי שטשורעס — די מענטשן געראָטן,
און בלוט — ווי וואַסער, וואָס פליסט,
האָט איבער די פעלדער געזאָטן...

און איינמאָל איז געטראָפן אַ נס: —
באַגינען, ווען איר'ט אַלע געשלאָפן,
די מאַמע איז אויף אַ ווײַלע אַרויס,
און אַ באָמבע פון אַוויאָן האָט געטראָפן...
און פול איז געוואָרן דאָס הויז
פון מענטשן פאַרוואונדערט מיט שרעק: —
„צי וואוינען ניט הייליקע דאָ?
וואָס קיין טראָפן פון בלוט האָט געפלעקט!“

מער זענען קיין נסים געשען!
די מאַמע, דער ברודער און שוועסטער,
ווי קיינמאָל, ווי קיינמאָל געוועזן
אויף דער וועלט דער פאַרפעסטער.
כ'וויים ניט צי אַש, צי שטויב
טראָגט דער ווינט פון זיי אום. —
כ'הער זיי נאָך וואָרקען ווי אַ טויב,
כאָטש עס יאָמערט אַרום...

— 2 —

איצט איז אויף דיר אויסגעפאַלן
דער גורל, ווי אַמאָל אויף דער מאַמען.
עס זענען די מדבר־שאַקאַלן
באַפאַלן מיט קוילן און פלאַמען,
דיין שטילינקע היים. וואָס גערוט
איבער די בערג פון ירושלים,
איר אָפגעגאָסן מיט בלוט,
קיין זכר פון איר, קיין שיריים...

אַלץ האָט געפלאַקערט, געברענט
אין דעם געפעכט פון שלאַכט,
מיט די קינדער אויף די הענט
אַנטלאָפן אין מיטן דער נאַכט
צו געבן זיי שוץ און רו.
ווי אַ מאַמע, אַ מאַמע נאָר קען,
האָט אייך לויפנדיק וואו,
אונזער מאַמע, די קדושה, דערזען...

און זי האָט געטראָגן דיך איצט
מיט דיינע די קינדערלעך צוויי,
ווען אַרום האָבן סנאַראַדן געבליצט
אַזוי ווי אַמאָל אָט אַזוי

ביי דער באברע אין פוילן,
איצט — אין הייליקן לאנד,
זי האָט אייך באשיצט פון די קוילן,
געטראָגן ווי אמאָל אויפן האנט...

א מאָנאט אין ירושלים אויף דער ערד
קיין וואסער, קיין ברויט צו זעט.
נאָר באמבעס, זיי רייסן מען הערט.
מ׳ליגט אין די לעכער ווי קרעט.
ניט איינמאָל דעם לעבן אין קאָן
פאר א קענדעלע וואסער פון קוואַל,
צי אויף פייער־צורמאכן — א שפּאָן.
ניט איינע האָט פארענדיקט פאטאַל...

דו ביזט לעבן־געבליבן, מיין שוועסטער,
ווי ס׳איז לעבן געבליבן מיין פאָלק,
ווי ס׳איז לעבן געבליבן מיין לאנד
אין דעם אויף טויט און־לעבן פארמעסט.
אונזער פיינט, אין צאָל דער גרעסטער,
איז געלאָפן צעשלאָגן אַן טאָלק,
געבויגן, באגראָבן אין שאנד
פון אונזער זיג, וואָס נס׳ט...

# לייבן יונגע

לייבן יונגע
זין ישראל׳ס!
איינס אויף הונדערט
קעמפט און זיגט!
פרייע וועגן,
יעטעט און דערפער,
קינד און קייט
זינגט פון גליק.

ביי די ברעגן
זינגען כוואליעס: —
קוקט אנטקעגן
קומען שיפן,
ברייגנען אידן,
נייע עולים,
פון לבנה־לאנד
און צלם...

אויף די פעלדער
זינגט דער אקער,
שניידן בייטן זיך
און פרייען...

גאָט, פון אויבן,
גיט זיין ברכה: —
אידן קעמפן
און זיי זייען!...

פלאַנצט מען ביימער,
פרוכט פאַר מאָרגן,
דאָ וועט וואַקסן,
דאָ וועט בליען;
יעדער רייפע,
פול געלאָדן
פון זון און טוי
און שווים געבאָדן.

זשווינגען האַמערס,
זינגען זעגן,
זינגען זעגן:
זינגענזאַנג...
אָט אַזוי־אַ
בויט ישראל
אַפ ישובים
מיט געזאַנג...

## נאָר אַביסל בוימל

נאָר אַביסל בוימל איז אין קרוג פאַרבליבן, —
אין אַזוי פיל פייער! און אַזויפיל ליכט!
וויפל ניט געיאָגט אונז, געפייניקט און געטריבן —
דאָך איז אונז פאַרבליבן דאָס געטלעכע געזיכט!

אַ נאַכט פון לאַנגן גלות, פון גרויזאַמקייט און פייגען,
פון שחיטות אָן אַן אויפהער, פון גרושים אָן אַ ברעג...
וויפל פערל־אוצרות, וויפל לאַגלען־וויינען
האָבן מיר געגעבן אַט די שוואַרצע שלעק?

וויפל שטעט און לענדער האָבן מיר געבויט?
און אין זיי פאַרטרויט אונזער לייב און לעבן?
און זיי — ליבעדיקערהייט געשונדן אונזער הויט
און אויפן שוועל פון טויט — אויך קיין רו געגעבן..

אויב ס'איז דאָ אַ נאָמען אויף דער לעצטער שחיטה,
וואָלט ער דאָך אַליין — גערדאַרפט דער וועלט צעשטערן!
צי קען די ערד פאַרנעמען פון זעקס מיליאָן אַ מיטה,
און אַליין ניט זינקען אין אַפּגרונט פון ניט־ווערן?!

שטייען מיר פאַרוואונדערט, גלויבן ניט די אויגן,
פון וואַנעט קומט צום פּליט אַט אַזויפיל מוט,
אַז אויף דער וואָגשאָל זאָל אַריבערוועגן
זיין טראָפּן לעבן דעם גרויסן ים פון בלוט?

עפּעס איז אַ נס געשען מיט אונז דאָך אַלע,
וואָס זענען נאָכן חורבן אויף דער וועלט פאַרבליבן;
ס'איז אין אונז דער ווילן ווי אַ פעלזן סקאַלע,
ביי וועמען ס'האָט די גבורה אויף אייביק זיך פאַרקליבן!

ס'קענען זאַווערוכעס, ציקלאָנען און טאָרנאַדעס
שלאָגן מיט די כוואַליעס, רייסן פעלזן־ברעג,
ווי בייזע שלענג פון אָפּגרונט, ווי הונגעריקע סטאַדעס, —
דאָך אייביק בלייבט דער פעלז! — ווען שטורעם פאַלט אַוועק...

נאָר אַביסל בוימל איז אין קרוג פאַרבליבן,
און אַזויפיל פייער! און אַזויפיל ליכט!
וואו האָט מען שוין אונז ניט געיאָגט און געטריבן?
דאָך איז אונז פאַרבליבן דאָר געטלעכע געזיכט!...

# שיר לחלוץ

**געווידמעט לייב יפהין —**
**צו זיין באַזוך אין קובאַ**

ווען דו וואָלסט געקומען
פון זון־לאַנד אין זון־לאַנד,
מיט איבער טייכן און ים'ען פון בלוט,
וואָס גיסט זיך פון אונז
איבער אַלע לענדער —
וואָלט דאָך די שכינה ביי אונז איצט גערוט...

ברענגסט דאָך אַ גרוס
פון אַן אייביקן חלום,
וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָר
דורך דעם קדוש,
דעם העלד, דעם החלוץ,
דעם פערל פון אונזער פינסטערן דור!

ער האָט דעם מדבר
מיט בלומען באַשאָנקען,
און פעלזן — מיט בליענדע שטעט!

און איבער די פעלדער,
וועלדער און לאַנקעס
מיט שטאָלענע מריט עקשנות'דיק טרעט.

ס'האָבן אים קוילן
פון דאָרט ניט פאַרטריבן:
און אויך ניט דער מעסער אין רוקן און זייט!
מיט פאַרבלוטיקטן אַקער, —
בראָנע און קאָסע,
צייטיקע פרות און תבואה דאָרט שניידט.

מיט בלוט אויפן האַמער
די ווענט פון דער פעסטונג,
נאָך פעסטער אין פינסטערע נעכט געבויט;
ווייל אים האָט דאָס פאָלק
זיין גורל, זיין צוקונפט —
דעם קיום האומה פאַרטרויט...

און איצט — מיט ביקס,
מיט טאַנק און מיט באָמבער,
טרייבט ער דעם נאַצי דעם קוילער פון פראָנט!
ער וואַרפט זיך אין פייער
מיט פרייד און התלהבות —
ווייל די שעה פון גאולה איז נאָענט!...

# מיר זענען די שומרים...

מיר זענען די שומרים
פון אייביקע ווערטן,
וואָס האָבן פאַרפלאַנצט
אין אונז די נביאים;
בלויט אונזער גלויבן
אין ליכטיקער צוקונפט,
כאָטש מיר ווערן פאַרפייניקט
אין היינט דעם פאַרשווּעכטן!

מיר זענען די שומרים
פון אייביקע ווערטן!
מיר גלויבן, אַז צייט
וועט צעברעכן די שווערדן
אויף האַמערן, שמידן,
אַקערס און טראַקטאָרס,
צו זייען, צום שניידן,
אין אייביקן פרידן!

מיר זענען די שומרים
פון אייביקע ווערטן!
מיר טראָגן דעם פייער
שוין טויזנטער יאָרן,

זינט משה געזען האָט
אין מדבר דעם דאָרן,
וואָס ברענט און ברענט
און ווערט ניט פאַרלענדט!

מיר זענען די שומרים
פון אייביקע ווערטן!
דורך אַלע די צייטן
פון פינסטערן וואַנדער,
דורך פייער און וואַסער,
און בלוטיקע ים'ען,
מיר קומען געלייטערט
אַרויס פון די פלאַמען!

מיר זענען די שומרים
פון אייביקע ווערטן!
מיטן גייסט פון דעם נביא,
מיטן מוט פון מכבי,
שטייען מיר אויף דער וואַך
פון ישראל,
הנה לא ינום ולא יישן
שומר ישראל!

# געווען איז אַ מאַמע פון אידישע קינדער . . .

(ענריעטאַ סזאָלד — צום פינפטן יאָרצייט)

געווען איז אַ מאַמע פון אידישע קינדער, —
יתומים צעזייטע, צעשפּרייט אין דער וועלט;
מאַטעס און מאַמעס דערשטיקט און דערוואָרגן,
נייט און הונגער געדריקט און געקוועלט.

עלנטע שעפּעלאך אליין אויפן פעלד, —
פון פּאַסטוך פאַרלאָזן, פון ווינטן געטריבן,
פון שלאַקסן געשלאָגן אין אימה פון וועלף,
אויף הפקר פון גאָט און פון מענטשן פאַרבליבן.

איז געקומען אַ מלאך — אַ מאַמע געטרייע, —
פון וועלדער וואו עס בלאָנקען, פון פעלדער פאַרוויסטע,
פון קעלערס, פון שטעלער, פון לעכער, פון בונקער,
פון שטעט און פון לענדער --- פון רוצחים פאַרמיאוסטע.

געפירט זיי אהיים — אין דעם לאַנד פון ישראל.
געגעבן זיי רו און ליבע, אין זעט.
ווי אַ מאַמע געקושט זיי, געהיילט און געטרייסט,
געליוליעט, געניאַניעט, געהאָלדזט און געגלעט.

פארפלאנצט אין זיי גלויבן און ליבע צום מענטשן
צום פאָלק און צום לאַנד, צום בוים און צום גראָז,
ליבע צו אַרבעט, צום פעלד און צום גאָרטן,
צום ווינטל וואָס לאַשטשעט, מחיה'דיק בלאָזט.

צום פויגל וואָס זינגט אין פרימאָרגן זיין ליד,
ווי א תפילה צו גאָט מיט אַלץ פון באַשאַף.
צום קיבוץ, וואָס בויט זיך מיט ערלעכע טריט, —
קיינער און קיינמאָל וועט זיין דאָרט א שקלאַף!

צו גערטנער בלומען, וואָס שפּינען פון שטראַלן
א שלל קאָלירן, און ים'ען פון ריחות,
אז יעדער פארבייגייער — פאַרשיכורט מוז פאַלן,
ווי זיי וואָלטן גערויבט ביי אים זיינע כוחות...

אָה! לאַנד דו געבענטשטע מיט בלומען ווי קינדער,
מיט קינדער ווי בלומען, צויבער פון וועלט!
אין דיר האָט א חלק דיין מאַמע פון וואונדער,
פון צען טויזנט קינדער — באַשיצט און באַזעלט...

## ס'איז שווער פון דער ווייטן

ס'איז שווער פון דער ווייטן צו זינגען אַ ליד
ניט פילן דיין באָדן אונטער די טריט,
ניט פילן דעם ריח פון בלום און פון בליט,
ווי אין גאָרטן, אין סאָד דער שומר, וואָס היט...

ס'איז שווער פון דער ווייטן צו זען אָט דעם טרוים,
וואָס איז אזוי ווירקלעך, גרוי און שווער;
איך קען אין מיין דמיון זיך פאָרשטעלן קיום, —
ס'פארשטעלט מיר די ליכט פון בייענקשאַפט אַ טרער.

ס'איז שווער פון דער ווייטן צו פילן דעם צער
פון אַלע, וואָס זענען געקומען ביי דיר
און האָבן קיין היים ניט, קיין דאַך אויפן קאָפּ,
כאָטש זיי קושן דעם שוועל פון דער אָפענער טיר...

ס'איז שווער פון דער ווייטן צו פילן די נויט,
די נויט און די לייד, וואָס דו נעמסט אויף מיט פרייד,
ווייל אזוי פילט אַ לאַנד און אַ פאָלק, וואָס בויט
און איז צו קרבנות שטענדיק געגרייט.

ס'איז שווער פון דער ווייטן צו פילן, פאַרנעמען,
דיין אַרבעט, דיין קדושה, דיין צער און דיין גליק,
כאָטש פול איז דאָס האַרץ מיט בייענקשאַפט און קלעמען, —
מיר זענען געפּענטעט מיט גאָלדענע שטריק...

# י ש ר א ל

יונג און שיין און מלא־חן
מיט האָפענונג און גלויבן
שפּרייזטו זיכער אויף דיין ערד,
די פיס צום טאַנץ זיך הויבן...

פון די פעלדער זינגט דער ווייץ,
פון דעם סאָד — די טרויבן;
און דער מדבר רופט און רייצט
מיט די זאַמד און שטויבן.

גערטנער — מאַראַנצן־גאָלד,
פול מיט זאַפט געלאָדן,
שמייכלען אַזוי גאָלדיק־זיס
אין דער זון געבאָדן.

און דיין ברעג מיט ים געצירט,
מיט אַ בלויען באַנד,
גלעט אויף דיינע מידע הענט
דעם טאַטואירטן בראַנד...

און ער צערטלט דיינע טריט
מיט מיליאָנען קושן,
פון דער ווייטסטער ווייטער וועלט
ברענגט ער דיר גרוסן...

# אונזער פאָן

אונזער פאָן איז בלויער הלום,
אויסגעטרוימט פון ים׳ען וועלן,
מיט ווייסע, פערלדיקע שוימען
קושן־אויס דעם ברעג און קוועלן.

אונזער פאָן איז מדבר־בלענד,
פון כוואַליעס זאמד מיט כוואַליעס שטראַלן,
גאָט האָט דאָרט זיין פאָלק דערקענט
און ער לאָזט אים מער ניט פאַלן...

אונזער פאָן איז פאַרדים תכלת,
איינגעוועבט פון טויזנטער יאָרן
און דעם ווייס־געוואַנט פון טלית —
טראָגט דער איד אים פון געבאָרן.

און פאַרהילט אין אים זיין לעבן —
אויך ביים טויט — אין קבר מיט; —
ניט געשראָקן האָט דער פייער,
ניט געוואַקלט האָבן טריט...

מיט דער פאָן, מיט דעם טלית
איז אין אויטאָ־דע־פע געשפּרונגען,
אין מיידאַנעק און טרעבלינקע
אויסגעהויכט מיט בלוט די לונגען.

אין דעם פייער פון די געטאָס
ווי אַ פּאַנצער אים פאַרוויקלט,
און אַרויס איז זי אַ גאַנצע —
כאָטש אַליין געווען צעשטיקלט.

ס'האָבן דינע, צאַרטע פעדים
אויסגעהאַלטן פייער־פּראָבע,
ווען צעשמאָלצן שטאָל און אייזן,
קייטן, דיקע, גראָבע...

דער פּאָדים ציט זיין יחוס
פון אברהם אבינו'ס שטערן,
ווען גאָט האָט איבּ אויף זיי געוויזן —
אַז זיין פאָלק, ווי זיי, זיך מערן...

און דאָס ליכט פון זיי גענומען
אויף אייביק אין זיך פאַרוועבט; —
ווי שוואַרץ עס איז ניט נאַכט געקומען
האָט דאָס פאָלק אין ליכט געלעבט!...

און דורך אים באלויכטן,
איבער שטורעמדיקע ים'ען,
זענען זיי אויף כנפי־נשרים שיפלעך
אהיים געפארן צו דער מאמען...

און אויסגעקעמפט פאר זיך דאס לאנד
דאס אלטע לאנד נאך פון אמאל;
און איצטער פלאטערט אונזער פאן
איבער בארג און איבער טאל!

וואו א ישוב, וואו א קיבוץ,
וואו א שטעטל, וואו א שטאט,
ווייס און בלא אין מגן־דוד, —
און אין איר — דאס ליכט פון גאט.

# פאריז

# פ אַ ר י ז

פ אַ ר י ז !
דו האָסט מיר באַגעגנט מיט גרויע און כמורנע טעג,
בלויז איין פרימאָרגן האָט זון מיט אַ שמייכל באַגריסט.
זי האָט מיר געבראַכט אַ גרוס פון מיין זוניקער היים...
און ווידער פאַרשוואונדן — איך זוך איר, איך זוך איר אומזיסט...

איך שלעפּ זיך פאַראיינזאַמט אַרום איבער דיינע בולוואַרן,
באַוואונדער דיין יוגנט, דיין שיינקייט, דעם שמייכל אויף יעדן געזיכט;
וואָלט איך וועלן אַ ווײַלע פון דיר זיך לאָזן פאַרנאַרן,
און ווערן אַ ליכטיקער טראָפּן אין ים פון פרייד און ליכט...

זיץ איך אַליין ביי אַ טישל און טרינק מיר דעם גאָלדענעם וויין,
אַנטקעגן — פיר יונגע פראַנצויזקעס, בלאָנד, שוואַרץ און סאַטין,
שפּילן און זינגען זיך צו, מיט אויגן פאַרכישופט פון שיין,
און ליפּעלעך ראָזינקע זיס, אַזוי ווי דער האָניק פון בין.

ווער איך פאַרשיכורט פון גליק, איך ווייס ניט, פון וויין צי פון פרוי?
און אפשר אַמאָל די מוזיק, וואָס אָטעמט מיט לעבן און בלוט...
איך בין שוין קיין פרעמדער ניט, איך לעב שון דאָ יאָרן אַזוי,
באַפרייט פון צער און קלעם. און ס'איז מיר דאָ וואויל און גוט!...

גיי איך מיר שפּעט אין דער נאכט צו נעמען די מעטרא אהיים,
פייף זיך מיר צו אין דער שטיל א לידל גלאט אין דער וועלט,
דערזע איך א מענטש שלאפט מיטן קאפ אויפן הוילן שטיין,
פארשווינדט די פרייד פון מיין הארץ, און איך פיל זיך פארלארן, אליין...

# ביי דער סענאַ

— סענאַ! —
ס'האָבן דיר טויזנטער דיכטער באַזונגען,
מיליאָנען — באַזינגען דיר וועלן;
דו שפּיגלסט מיך אָפּ אין דיין גאָלדענעם זוים,
דאָס האַרץ פאַרגייט אין קוועלן...

עס וויגט זיך אַ שיפל אַזוי ווי אַ טרוים,
און טרוימענדיק פאַנגט דאָרט דער שיפער. —
ציט זיך אַ פאָדעם אַ דינער אין רוים,
וואָס שניידט זיך אין וואַסער איין טיפער...

פאַלן די האַרבסטיקע בלעטער אויף דיר,
ווי גאָלדענע רינגען באַצירן,
ביי יעטווידן ריס — הערט זיך אַ זיפץ, —
ער וויל ניט די בלעטער פאַרלירן...

אויפן בריק אין דער הויך מיט פענזל און פאַרב.
שטייען די מאַלער און מאָלן, —
זיי זוכן ביי דיר דעם שאָטן פון בוים,
און דעם גאָלדענעם גלאַנץ פון קופאַלן...

האַרט ביי דער וואַנט אויפֿן שטיינערנעם ברוק
צענדליקער הימלאַזע ליגן,
זיי כראַפּען געשמאַק און דאַנקען דיך אָפּ
פֿאַר דער ביסעלע רו, וואָס זיי קריגן...

קינדערלעך לויפֿן און טאַנצן אַרום,
די מוטערס זיי שטריקן און העפֿטן;
און פּאָרלעך פֿאַרליבטע, ווי טייבעלעך פֿרום
ליפּן צו ליפּן באַהעפֿטן.

די זון פֿאַרגייט אין גלאַנץ און פּראַכט,
טויזנטער שטראַלן דיך צינדן...
עס וויל נים דער טאָג פֿאַרלאָזן די וועלט,
נאָר מיט דיר, זיך אויף אייביק פֿאַרבינדן.

און איבער דיין קאָפּ — די ווערטפֿולסטע קרוין —
די וואַנט פֿון בילדער און ביכער;
דאָס האָט דאָך דער אָרעמער קינסטלער פּאָרטרויט
אין דיר זיך אויף אייביק, אויף זיכער...

סענאַ! — ס'האָבן דיך טויזנטער דיכטער באַזונגען,
מיליאָנען — באַזינגען דיך וועלן;
איך שפּיגל זיך אָפּ אין דיין גאָלדענעם ראַנד,
די זון פֿאַרגייט אין קוועלן...

# פאַרליבטע פּאָרלעך

איינס צום צווייטן צוגעטוליעט,
מיט די אויגן איינגעגעסן,
און די ליפּן איינגעעפּיסן,
פראַנק און פריי איבער די גאַסן, —
זאָלן אַלע זען און וויסן,
אַז מיר זענען בלוט מיט פייער
אויסגעגאָסן, אַן גרימאסן...

אַז דאָס האַרץ איז פול מיט ליבע,
און די אויגן ברענען, גליען,
און די ליפּן פלאַמען, ציען,
איז צו וואָס באַהאַלטן זיך
אונטער שלאָס, און אונטער ריגל, —
ווען די הייסע קושן טליען
ווי אַן אָנגעגליטער זיגל?

שטראַמען ליכט פון אַלע זייטן,
און מוזיק פאַרכישופט רופט,
הויבן פיסלעך זיך צום טאַנץ, —

פֿאַרלעך וויגן זיך ווי וועלן
אויף אַ שטילן בלויען ים,
ווען די זון פֿאַרגייט אין פּראַכט,
און דאָס האַרץ פֿאַרגייט אין קוועלן.

יוגנט, ליבע, פרייד און טאַנץ,
ליכט, געזאַנג, טרוים און וואָר
צונויפֿגעפֿלאָכטן אין איין קראַנץ,
פֿון טויזנט טאַנצנדיקע פּאָר,
מיט די שוואַנענדיקע פֿיס
איבער שפּיגלדיקן דיל.
אָ, דו צויבער־שטאָט פּאַריז!

# ס׳איז ליכטיק געוואָרן מיין היים

ס׳איז ליכטיק געוואָרן מיין היים,
די זון האָט זיך היינט באַוויזן,
דער נעפּל צערינט ווי אַ טרוים,
עס שטראַלן פון פרייד די קאַרניזן.

עס שמייכלט צו מיר דער האַרבסט
פּונקט ווי אַ פרילינג־פרימאָרגן;
עס רייסט זיך פון האַרץ אַ געזאַנג
פון קוואַלן וואָס ליגן פאַרבאָרגן...

און איך פיל זיך מונטער און ליד,
ווי וועלט וואָלט זיין בלויז שיין, —
קיין קיימן אויף מענטשלעכע טריט,
קיין ליידן, קיין הונגער, קיין פּיין.

איך וויים ניט פאַרוואָס איז אַזוי,
פאַרוואָס — זע איך בלויז פרייד? —
איך פיל דאָך דעם מינדעסטן ווײ,
און יעטווידער גרעזל וואָס ווייה׳ט...

איך פיל דאָך דעם צער פון אַ קינד,
וואָס בייגקט נאָך דער זון, וואָס פאַרגייט;
איך פאַל דאָך אין טרויער אַריין
ביי דעם דינסטן פייף פון אַ פלייט...

עס ווערט דאָך אַ וואונדער אין מיין האַרץ
ווען אַ בלאַט פאַלט פון דעם בוים;
און עס נעמט מיך אַ בייִנקשאַפט אַרום
ווען אַ שטערן פאַרשווינדט אין דער רוים...

און דאַ בלוטיקט אַ וועלט
פון שאַנכאַי ביז מאַדריד,
היטלער און מוסאָליני
שפּאַנען צוזאַמען די טריט.

סטראַשען און פאָכען מיט שווערד,
וואַרפן אַ שרעק אויף דער וועלט;
מאָרגן — קען אַלץ אויף דער ערד
זיין בלויז אַ שדים־געצעלט...

און דאָך צאַפּלט מיין האַרץ
פון לויטערן גליק און שיין, —
און איך בין שיכור פון פרייד,
כאָטש קיינמאָל ניט שיכור פון וויין.

ווייל עס וואָרצלט אין מיר
דער גלויבן פון מענטש און וועלט: —
עס מוז אויך נאָך קומען דער טאָג
מיט טויזנטער זונען באַהעלט...

# עס רױשן די כװאַליעס פֿון ים

עס רױשן די כװאַליעס פֿון ים,
עס עגבערט אַ ריזיקע שיף
מיט שטאָלענע־שרױפֿן זײַן לײַב,
און קאָרטשעט אים אײַן ביז דער טיף...

שפּרינגען די כװאַליעס פֿון װײַ
מיט שױמיקע שליניע אַרױף,
דאַכט זיך זײ שלינגען איר אײַן, —
און פֿאַלן אָנמעכטיק אין לױף...

שפּאַצירט זיך די יוגנט און לאַכט
פֿרײלעך אַרום אױפֿן דעק.
װער קלערט עס, װער דײנקט און װער טראַכט
פֿון קומען גאָר איצט צו אַ ברעג?

ס'איז דאָך דאָ װאונדערלעך שײן!
אַ בלענדיקער ים אָן אַן ענד!;
עס צאַפּלט די זון בײַם פֿאַרגײן
אין פֿאַרנאַכטיקן שטילן געבלענד...

און אַלע דערפילן אין זיך
דעם צער פון דער זון וואָס פאַרגייט;
און עס דוכט זיך פון ערגעצן ווייט,
צעשפּילט זיך אַ וויינענדיק פליִיט...

עס נעמט אַזוי נאָגן אין האַרץ,
ווי זון וואָלט אויך דאָרטן פאַרגיין...
און יעדערער קוקט אין דער ווייט
און קען זיך אַליין ניט פאַרשטיין...

# קובא

# טראַפּישער ווינטער

**אַנדרעס דע פּיעדראַ־בוענאַ'ן — אַ מתּנה.**

טראַפּישער ווינטער, ליכטיקער, בלויער,
עס שטראַלט יעדער שטיין מיט זוניקע ליכט;
נעם אַראָפּ פון מיין האַרץ דעם פינסטערן טרויער,
באַשיין אויך מיט פרייד מיין המורנעם געזיכט...

ס'איז די וועלט אַזוי יונג, ווי נאָר־וואָס געבוירן,
אַלץ גרינט און אַלץ בליט דאָ אײביק אַזוי!;
פאַרוואָס זאָל איך אומגיין, אַ זקן פאַרלוירן,
אין פרילינג פון לעבן — האַרבסטיק און גרוי?

איך האָב דאָך מיין יוגנט מיט טויזנטער פעדים,
אַ האַרפע פאַרצויגן, צו שפּילן געגרייט;
ווער האָט דאָ פאַרפלאָכטן די ביינערנע פינגער,
פון מחנות סקלעטן, וואָס שפּילן אויס טויט?

זאָל זיין, ס'איז דער עכאָ פון די פירענייען,
וואו ברידער און שוועסטער קוילן זיך אויס,
איבער פעלדער און שטעט דעם טויט פאַרזייען,
און טויזנטער צלמים וואַקסן אַרויס?

טראַפּישער ווינטער, ליכטיקער, בלויער,
עס שטראַלט יעדער שטיין אין זוניקע ליכט;
נעם אַרויס פון מיין האַרץ דעם פינסטערן טרויער,
שענק אויך אַ שטראַל מיין כמורנעם געזיכט.

# יונגער באַגינען

יונגער צעפּראַלטער פרילינג באַגינען,
ס'האָט זיך דער ים מיט פּערל צעבליט;
פלאַמיקע זונען, פאַרכישופטע מיניען,
קושן דיר אוים דיינע פעלזיקע טריט.

פאַלמען פאַרטרוימטע — שלאַנקע קובאַנקעס,
שטייען פאַרשיכורטע אַלע געגרייט,
מיט בלעטער פון קרוינען, זאַפטיקע, גרינע,
צו טראָגן דער זון אויף זיך מיט פרייד.

טויזנטער מיילן פעלדער פאַרשוואָנגערטע,
ברויזן מיט נייע לעבנס אין זיך,
קומען אָן וואָלקנס שווערע, פאַרפאַנצערטע,
לאָזן אַראָפּ זיך, דערפרישן אויף גיך.

שפּרודלט די ערד מיט יוגנט און קראַפט.
אָטעמט די וועלט אין רהבות'ן פריי,
יעטווידעס גרעזעלע בליניעט מיט זאַפט,
אַלץ איז געוואָרן באַלעבט אויף דאָס ניי.

און עס זינגט זיך אַ ליד, שוועבנדיק גרינג,
כ'האָב אויך דעם פרילינג־צויבער אין זיך;
און ס'דוכט מיר, אַז עמיצער זאָגט מיר: זינג —
ווייל באַלד פאַרשווינדט דאָס אַלץ אויף גיך...

# טוריסטן

אויף דעם בלויען ים, באַגילט,
וויגט זיך שוואַנענדיק אַ שיף;
פרימאָרגן־זון האָט זיך צעשפּילט
שפּרינגט און ניורקעט אין דער טיף...

פון דער וויטן גיט אַ בלענד
אַזאַ ווייסקייט פון אַ ברעג,
ווי טויזנט צאַרטע פרויען־הענט
וואָלט האַוואַנאַ אויסגעשטרעקט...

און זיי רופן פון דער וויט: —
קומט אַ לעב טאָן דאָ אַ טאָג,
אַל־דאָס גוטס פאַר אייך געגרייט,
און קובאַנקעס — ווי געטאָקט.

טעג פאַרשיכור'טע פון זון,
נעכט פאַרכישופ'טע מיט שיין.
מיידלעך — הייסע, טראָפּיש־בלוט,
בעכערס שוימיקע מיט וויין.

װעגן, צװישן רײען בלומען,
ציען זיך אױף מײלן װײט.
װען איר זאָלט אַהער ניט קומען —
אײביק איז דאָ פֿרילינג־צײט.

און דער ים, װי אַ נעליבטע,
האַלט די אָרעמס אױסגעשטרעקט;
װער עס טונקט זיך אָפּ אין אים
דערפֿילט זײן יוגנט אױפֿגעװעקט...

פּאַלמען־װעלדער, גרין באַקרױנטע,
שפּרינגען איבער בערג און טאָלן.
קאַניע, פּיניע, טאַבאַק־פֿעלדער, —
װאו נעמט מען פֿאַרבן זײ צו מאָלן?

און פּרימאָרגנס בלאָנדן צױבער,
און פֿאַרנאַכטנס שקיעה־פּראַכט. —
װי פֿאַרכישופֿט װאָלט אַ טרױמער,
אײך אין טרױמען־לאַנד געבראַכט...

# די געטין פון שיינקייט

גאָלדענע כוואַליעס אויף מאַרמאָרנעם נאַקן
איבער אַ ווייסע, פאַרטרוימטע בעריאָזע,
שטייפע, ווי זאַפטיקע עפּל, צוויי באַקן, —
אין יעדע פון זיי — ציטיקט אַ ראָזע...

אויגן צוויי תהומען פון שטורמישע ים׳ען,
אין וועלכע עס שפּיגלען זיך בליקן ווי זונען,
דערציילן פון טיפע, פאַרבאָרגענע פלאַמען,
וואָס ווערן אין טרוימען פון ליבע צערונען...

בריסט, ווי בערג פון זון־ליכט באַגאָסן
אין בלויען באַגינען, ווען טרוימען זיך וועבן,
ווי עס וואָלטן אין זיי צוויי קוואַלן געפלאָסן,
פון אייביקן פרילינג, פון אייביקן לעבן...

פיס ווי געפורעמט, שטייפע, געטאָקט
שוועבן מיט גראַציע אַרום אין דער לופט,
אויף יעטווידן טראָט ווי נאַכט וואָלט געטאָגט,
מיט קוואַלן פון ליבע און הימלישער דופט.

שפּאַצירט זיך אַרום אויף דער ערד אַ געטין,
פאַרטרייבט מיט איר בליק דעם צער פון דער וועלט,
ווי וואַרעמע שטראָמען, וואָס לאַשטשען און גלעטן,
באַלעבט דעם אַרום, באַשיינט און באַזעלט...

# פ אַ ר ל י בּ ט ע

**אַ ווייסער זעגל אויפֿן בלויען ים**
שניידט פֿאָרויס זון־באַגילדטן זוים,
מיט אַ פֿאַרליבּטע פֿאַרל אין דער מיט. —
איז עס ניט פֿאַרקערפּערונג פֿון טרוים?

שפּילט דער ווינט אויף זעגל אויס זיין ליד,
באַגלייטן אים די ווערלן מיט געקלאַנג,
און עס הילכן קושן הייס, צעגליט. —
איז עס ניט קיין געטלעכער געזאַנג?

פֿלעכטן זיי זיך בּיידע איין ווי איינס,
ווער מיר ים, ווער מיר זון און וועלט?
ווען אין דער זעגל־שיפֿל, אַט דער קליינס,
אַ ים פֿון פֿרייד אין יעדן אָבּר קוועלט...

שטיל די זון ביים האָריזאָנט זיך נויגט,
קניט מיט תּפֿילה פֿאַר דער יונגער פּאָר;
און אַלץ אַרום הכנעה׳דיק זיך בּויגט,
ווינטשנדיק: — אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר!...

צינדט דער אוונט שטערנדלעך אין הימל,
טיף אין וואסער שפּיגלען זיי זיך אָפּ;
שווימען זיי פאַרטרוימטע אין געווימל,
זיי דוכט זיך, — ס'איז דער ים איבערן קאָפּ...

דריקן זיי זיך פעסטער צו צו זיך,
טוליען זיך איינס אין צווייטן איין;
יעדער קוש, וואָס פלאַמט אַרויס פון ליפּ,
פלאַטערט ווי אַ שטערנדיקער שיין.

און זיי פילן, ווי פאַרייניקט וואָלטן זיין
דער הימל מיטן ים איצט אין זיין;
און אַלע שטערן טאַנצן פול מיט פרייד,
פאַר דער ליבע, וואָס איז ריין ווי שניי...

שיפן זיי זיך גליקלעכע אהיים,
פאַרשיכורטע פון ליבע און פון גליק;
ביי יעדן גראָז, ביי יעדן בלום און בוים,
הערן זיי פאַרכישופטע מוזיק...

# רחבות׳דיקע גרינע פעלדער...

רחבות׳דיקע גרינע פעלדער
פּאַלמען־וועלדער, זונענשיין;
טאַנצן בערגלעך איבער בערגלעך,
קייטלען זיך אין הימל איין.

ציען פּאַלמען זיך צום הימל
איבער בערג ביים האָריזאָנט,
מיט די קעפּ אין הויך פאַרריסן —
ווערט די הימל־ווייטקייט גאָענט.

און די גאַנצע לופט מחיה׳ט —
ס׳בליט, עס וואַקסט, עס רייפט דאָ אייביק...
קיין זאַך, דאַכט זיך, שטאַרבט ניט אָפּ,
קיין זאַך ווערט דאָ קיינמאָל שטויביק.

ציט אַ טייכל אין דער שטיל,
ווי א דינע זילבער־סטרונע,
שפּילט אַ ווינטל אויס אויף איר,
זיין בטחון און אמונה...

און דער מענטש וואָס זעט עס צו —
ווערט אַליין א גלויביקער...
און דער מענטש וואָס הערט עס צו
ווערט אַליין אַן אייביקער . . .

ווייל אַלץ זינגט אַזוי ווי איצט
פון בראשית אָן דאָס ליד,
און ווער עס גייט פאַרביי א ווייל —
פאַרפלעכט אין אייביקייט די טריט.

# שניטער פון קאַניע

פעלדער, מיט זון ליכט באַגאָסענע,
פון רייפער קאָניע באַגילדעט;
לייבער, מיט העמדער צעריסענע,
מיט בלאַנקע מעסערס צעשפּילט.

פאַלן די קאָני׳עס איינציקווייז
אונטער די פלינקע הענט;
גריזשעט דער שווייס פערלדיק,
פון דער זון וואָס ברענט.

וועגענער הויכע, צווייי רעדערדיק
מיט יאָכיקע אָקסן אין שפּאַן,
פירן דער קאָניע, דער זאַפּטיקער,
טראָט ביי טראָט, צום באַן.

אָוונט, פאַרמאַטערטע קומען זיי
פון די פעלדער אַהיים;
דעכער — פון שטרוי געפלאָכטענע,
און די ווענט — פון ליים.

מעבל — ברעטלעך און קעסטלעך,
בעטן — געמאַקן אויף שטריק,
און פענסטער — א לאַך אין דער וואַנט,
דער געוויין פון די קינדער — מוזיק...

אויף ציגל, אין בלעכענע קענדלעך,
קאָכט זיך אין דרויסן דער רייז,
מוטער־נאַקעטע קינדער —
לויפן אַרום ווי די מייז.

פאַרטאָג, ווען שעה'ן סודן זיך
קלינגען די שנייד־מעסערס אויף —
שטראַלן פון נאַכט פאַרבאָרגענע,
רייסן מיט טאָג־ליכט אַרויף...

# יצחק לייבוש פרץ

צום הונדערט יעריקן געבורטס טאָג

צו דער הויך, צו דער טיף, צו די בערג,
צו דער ווייט, וואָס איז נענטער ווי נאָנט...
איז דיין דרך געווען: —
גערופן, געוועקט און געמאָנט...

צום כסא־הכבוד און העכער
האָסטו דעם צדיק געפירט.
און פון קידוש דעם בעכער —
מיט געטלעכע ליפּן באַרירט.

און איבער די שרפים, מלאכים
האָסטו דעם מענטשן געשטעלט, —
אין זיינע ערלעכע מעשים,
וואָס האָבן דער פינסטער פאַרהעלט...

און העכער פאַר גאָט „אויב ניט העכער"
האָסטו דעם רבין דערהויבן: —
פאַר אַ פּויער, צו סליחות, פאַרשטעלט,
וואָס הייצט אַן אָרעמאַנס אויוון...

און דיינע מתנות „די דריי"
זענען ביים פאָלק מערער ווערט
ווי אַלע די אוצרות פון גאָלד,
וואָס ליגן פאַרבאַהאַלטן אין דר'ערד...

האָסט מיט געשליפענעם וואָרט,
און מער נאָך — מיטן פינטל נאָך אים...
ווי אַ כהן־גדול פון קדשי־קדשים
געלאָזט הערן דיין שטים.

האָסט גערופן צו אָלימפּישער הויך,
צו מענטש און געטער פאַרמעסט;
אין פאָלקס־נשמה געזען —
דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, דאָס גרעסטע...

פאַר דעם האַלט דיך טייער דאָס פאָלק,
איבער דער וועלט וואָס שפּאַנט,
דו טראָגסט אויך איצט נאָך די קרוין
פון מלכות אין אידיש־לאַנד.

# פּאָטער מיינער אברהם רייזן

פּאָטער מיינער אברהם רייזן,
פּאָטער מיינער, און אויך לערער;
דיינע לידער פון דעם נעכטן
זענען ליבער, היינט, נאָך מערער.

עס זינגט ניט מער דאָס שטעטל?
דיין ליד פון נויט און האַמער...
מען האָט זיי פאַרנאַרט
אין דעם טויטן קאַמער...

מאי קא משמע לן דער ניגון,
וואָס׳זשע לאָזט ער מיר צו הערן? —
אויסגעראָטן, ווי די פליגן
מיט דעם „ציקלאָן" דורך די רערן...

מען הערט ניט מער דעם ניגון
פון בית־מדרש און פון חדר. —
מען האָט מיליאָנען אידן
אויסגעשטיקט כסדר...

עס הוליען בייזע ווינטן
איצטער, מערער־נאָך, ווי פריער,
איז נגישות אָן און אויפהער,
אָן א מאָס, און אָן א שיעור

האָסט געזויגן גלויבן
ביי עמוס און ישעיה,
און געזונגען לידער
פון א וועלט א נייע.

און די וועלט איז ווייט נאָך
פון באחרית הימים;
מיר זענען ביי די פעלקער
נאָך אַלץ דער קרבן־תמים...

און דיין העלער גלויבן
אין א וועלט א נייע,
האָט זיך אויסגעלאָזט —
א זעקס מיליאָניקע לויה!...

פון די שטעט און שטעטלעך
איז קיינער ניט פאַרבליבן;
בלויז אין דיינע ביכער,
וואָס דו האָסט באַשריבן

בלעטער איך די בלעטער —
און זיי לעבן ווידער;
דו ביזט זייער רעטער!
דו — מיט דיינע לידער...

זינגט צוריק דער האמער,
און דער גמרא ניגון;
איך האב די וועלט, פון חורבן,
צוריק ארויסגעקריגן...

און איך זע דאס שטעטל,
די נויט, דעם צער און גלויבן, —
האסט אויף יעדעם בלעטל,
ווי פון אש ארויסגעהויבן...

בכדי צו לעבן אייביק,
אייביק אין דיין ליד;
און זיין, ווי דו, אויך גלויביק,
און קיינמאל ווערן מיד —

צו גיין אין די א טריט
פון עמוס און ישעיה: —
אז סוף כל סוף וועט קומען
א נייע וועלט, א פרייע...

# ל י י וו י ק !

**צו זיין אָנקום אין האַוואַנאַ**

ל יי וו י ק ! —
עס קען דיר די זון דעם וואונד ניט פאַרהיילן,
און אויך ניט קיין רו— דער שאָטן פון פּאַלמען;
ווען פון אונזערע קדושים אין מיליאָנען וואָס ציילן,
איז ניט פאַרבליבן נאָך זיי קיין בית־עלמין...

עס קען ניט דאָס לאַנד פון דעם אייביקן פרילינג
מיט אירע פאַרחלומטע, פאַרכישופטע ברעגעס,
מילדערן טיף אין דיין האַרצן דעם טרויער,
לינדערן פּיין כאָטש פון איינצלנע רגע׳ס.

עס קען ניט די ראָזקייט אין בלי פון באַגינען,
און אויך ניט די רויטקייט פון רייפן פאַרנאַכט,
עפּעס א וואָרט דיר פון טרייסטונג געפינען,
פון וועלטן פון צויבער, פון הערלעכער פּראַכט.

עס קען ניט די זון מיט איר ריזיקער קראַפט
פון ים׳ען פון ליכט — פאַרטרייבן די נאַכט,
וואָס וויקלט דיר איין אין טרויער און שרעק: —
וואו איז דער שומר, דער שומר, וואָס וועקט?...

עס קענען די שטערן פון אומשולד אליין,
מיט אויגן פון ליבע, וואס ווינקען אראפ,
דיין צער ניט פארשטיין, וואס פארצערט ביז געביין
און האלט דיך אין קלעם מיט געבויגענעם קאפ.

עס קען נאר מיין לאנד, וואו דו ביז געקומען,
מיט ליבע דיר פלעכטן אויף יעטווידן טראט,
פון אלע די שיינע און פרעכטיקע בלומען
פאר דיר א גירלאנדע — א מתנה פון גאט...

# אויפֿן טויט פֿון אַ חבר

דוד בליסן צום הייליקן אָנדענק

ס'איז געווען אַ ליכטיקער, אַ גאָלדענער פֿרימאָרגן,
די זון האָט אירע שטראַלן כוואַליעסווייז געשפּרייט;
און דו ביזט דאַן אַ ציכטיקער, געלעגן זיך אָן זאָרגן,
שטיל, ווי איינגעשלאָפֿן, אין די אָרעמס פֿון דעם טויט...

דער פּנים געל, די אויגן צו, די ליפּן ווי פֿאַרשלאָסן,
ווי עס וואָלט די לעצטע ווייל פֿון לעבן דיך פֿאַרדראָסן,
וואָס אויסער צו די גרויע ווענט מיט טויט־שאָטנס באַהאַנגען,
איז דיין לעצטער גסיסה־קרעכץ צו קיינעם ניט דערגאַנגען...

איינזאַם, עלנט ווי אַ שטיין אין דעם קראַנקנצימער,
בלויז אַ בלעטער־רויש אָן שויב, און אַ שטערן־שימער,
האָבן אויפֿגעכאַפּט דעם כאָרכל אין דער מיטן נאַכט,
וועלכע האָבן איבער דיר אין טיפֿן צער געוואַכט...

איצטער־אָ באַווײנען דיך אַלע דיינע פֿריינט,
וואָס זענען דאָ אין וואַנדער־וועג פֿאַרוואָגלטע געקומען,
און דו האָסט ווי אַ פֿאָטער פֿאַר זיי דאָ אויפֿגעשיינט,
און ווי אייגן קינדער מיט ליבע אויפֿגענומען.

עס קען ניט היינט דער ווינט טריקענען מיין אויג,
און די זון אומזיסט פּרוּווט מיין הארץ דערפרייען,
אז יעדעם בלעטל־בויג, יעדעם גרעזל־נויג
איז איינגעטונקט אין צער, אין אַ ים פון ווייען...

טו ווי זאָל איך אַ פריינט, אַ חבר דיינס, אַ קינד,
ניט לאָזן פריי דעם טרער וואָס קומט פון טיפן צער? —
אפשר וועט מיין טרער אויסקויפן דעם זינד —
באַרן לאָזן דיך אַליין — זאָל דאָס זיין דיין שכר...

# אויפֿן טויט פֿון אַ קינד

ווייסע ליליען אויף אַ קינדער־ארון
זיפֿצן שטיל, דעם אָטעם איינגעהאלטן,
טאַטע־מאַמע קלאָגן — זייער ערשטן קינד פֿאַרלאָרן,
ווי אַ פֿויגעלע פֿאַרפֿלויגן, זיך באַהאַלטן...

ניט באַשערט די בלומען זאָלן קושן,
דעם זוים פֿון איר חופּה־קלייד באַרירן,
טוליען זיי זיך צו די קאַלטע ברעטער
וואָס צום שוואַרצן קבר אַ קינד, אַ קינד נאָך פֿירן.

זיצן טאַטע־מאַמע צעבראָכענע פֿון טרויער,
ווי אויסגעריסן ביימער פֿון אַ ווילדן שטורעם,
און אין האַרצן בלוטיקט, ווי אַן עגבער בויערט
טיפֿערט נאָך די וואונדן, וואָס פֿלאַמען פֿון יסורים...

ציטערן די פֿלעמלעך פֿון די נשמה־ליכט,
ווי עס וואָלט זיי שרעקן זייער אייגן פֿייער,
און זוכן צו אַנטלויפֿן פֿון זייער אייגן איך
איבער ווײַסטע פֿעלדער אין אַ שאָטן־שלייער.

פֿאָרן מיר באַגלייטן אויפֿן בית החיים
אַ קינד פֿון קינדער־גאָרטן, א בלימל אויסגעריסן,
אונטער העלן הימל אַ פֿינסטערע לויה. —
שוואַרצע רידלען־ערד דעם אינגסטן קבר שליסן.

שקיעה אויף דער וועלט. די לעצטע פֿלאַמען גליען.
אַ קדיש אין דער לופֿט, אַז דער הימל ציטערט.
ס'דוכט מיר, אַז איך זע, ווי מלאכים פֿליען
מיט פֿאַרוויינטע אויגן, פֿאַרצערט און פֿאַרביטערט...

גיי איך מיר אַהיים צוריק פֿון דער לויה,
אַ שטילער אָוונט בליט אויף רויזן האָריזאָנט.
ווי אַ שיפֿל ציט די לבנה בלאַס
איבער מערב זייט מיט אַ שטערן נאָענט.

און אין איר א ציטעריקס, אַ שטערנדל, אַ קליינס,
אַ נשמה'לע — צוריק ווערט אָפּגעפּירט,
זי גייט צו גאָט אַרויף אַ ליכטיקע, אַ ריינס,
אין דער מאַמעס טרער, ווי אַ בריליאַנט געצירט...

# שטילער באַגינען

שטילער באַגינען
אין בלענדיקע בלויען,
נאָך נאַכטיקן חושך
און שטורמישן וואָיען,
ווי ליב איז מיר איצט
דיין שטראַליקער גאַנג
ווען וועלט ווערט באַפרייט
פון שוואַרצן געפאַנג.

עס זינגט יעדעס שטויבל
און שטיינדל אויף דר'ערד.
א הימל'שע פרייד
איז צעגאָסן אויף אַלץ.
עס האָבן צעטאַנצט זיך
די טאָלן און בערג,
מיט טויזנטער פאַלמען
א פרייליכן וואַלץ.

און שטאָטישע מויערן
מיט כמורניקע ווענט,
הויבט זיך, זיי גיבן זיך
אַלע די הענט,

און טאַנצן באַגילט
פון שטראַליקער זון,
וואָס רייסט פון מזרח
אין העלן געבלענד.

און קינדערישע פּנימ'לעך
שמייכלען פון שלאָף,
דערפילן דעם שיין
פון באַגינען אויף זיי;
און עלטערע לייט
טשובען זיך אויף
מיט אַ פריידיקן ציטער —
ווי זון אויפן שניי...

די וועלט ווערט דיר ליב,
אַזוי נאָענט צו דיין האַרץ,
ווי קיינמאָל גאָר טריב,
פאַרחושכט און שוואַרץ
וואָלט געווען דיין געמיט,
נאָר לויטער באַגינען
מיט זוניקן שיין
קישט דיינע טריט.

# מאָרגן - רויט

מאָרגן רויט,
מאַגיק בלענד,
פאַרנאַכטן גאָלד, —
אַלץ פאַרגייט,
אַלץ צו ענד,
אַלץ צעמאָלט.

נישטאָ קיין אייביק,
אַלץ איז שטויביק,
אַלץ איז גראָ;
ס'האָט קיין האפט,
און ס'האָט קיין ווערט
אַפילו די הויי־שעה.

און די פרייד,
און דאָס גליק,
שפּינוועבס אונטער זון,
ווערט פאַרטראָגן
פון דעם ווינט
אין אומענדלעכן צערון.

און די יוגנט
בלאַסקעט אָפּ.
איידער וואָס און ווען —
דו דערזעסט
אַ גרויע קאָפּ, —
ערשט, אַ קינד געווען.

מאָרגן רויט.
טאָגיק בלענד,
פאַרנאַכטן גאָלד,
קומט דער טויט —
אַלץ צו ענד,
אויף שטויב צעמאָלט...

# דער וועג פון דעם דיכטער...

דער וועג פון דעם דיכטער
איז הימל און שטערן;
עס קען אים קיין הינטישער בילן
ניט שטערן...

אין טרוימען געוועבט
איז זיין פיינלעכסטער טראָט;
ווי טיף ניט זיין וואונד —
היילט אים אויס גאָט.

ס'איז דאָך זיין בלום —
די זון פון באגין;
די נאַכט מיט די שטערן —
אַ ים פון כאשמין.

דער מורמל פון ווינט —
די אומשולד אַליין,
ווי אַ שמייכל פון קינד
מיט פערעלעך ציין.

דער מענטש און די ערד
אַ ברכה פון גאָט;
איז ער מקבל באהבה.
אויך די לייד וואָס ער האָט.

ווייל געלייטערט דורך דעם
ווערט נשמה אין אים;
אַז ער זינגט אויס אַ ליד —
זינגט עס גאָטס־שטים...

טרייסט ער די וועלט
פון צער און פון פיין —
קומען וועט טאָג
און ליכטיק וועט זיין.

ווייל גאָט איז דאָך גוטס
פון גוטסקייט אַליין,
עס קען דאָך די רשעות
אויך גאָט ניט פאַרשטיין.

און ער וואַרט, אַז דער מענטש
דורך פייער און בלוט,
גערייניקט, געלייטערט
דורך בראַנדיקער־רוט.

וועט ווערן דערהויבן
צו הימלישער הויך;
און גאָט וועט מיט אים
רעדן דאַן אויך...

# ווען עס רוט אין האַרץ
# די פרייד

מיר וואוינען אַלע אין פּאַלאַצן,
ווען עס רוט אין האַרץ די פרייד —
יעדער זעמדל — ווי אַ דימענט
בעת די זון מיט שטראַלן שפּרייט.

האָסט קיין סך ניט צו פאַרלאַנגען —
ס'איז גענוג צו זעט דאָס ברויט,
און פון האַרץ אַ שטראָם געזאַנגען
מאָג ווי נאַכט דיין גאַנג באַגלייט.

ווערט דאָס הויז פאַרפולט מיט ליבע
און דאָס לעבן האָט אַ ציל,
ווייסט ניט פון קיין שעה'ן טריבע —
ביזט אין אייביקייט אַ שפּיל.

און אַלץ אַרום איז נאָענט און אייגן,
ס'איז קיין פרעמדער גאָר ניטאָ;
ליבע שטראָמט פון אַלע מענטשן
אין דער פריי געבענטשער שעה...

מיר וואוינען אַלע אין פּאַלאַצן,
ווען די פרייד אין האַרצן רוט,
וואָס איז גאָלד, בריליאַנט און פּערל
אין צעבלי פון לעבנס-מוט?

# יעדער טרוים פאַרווירקלעכט ווערט

יעדער טרוים פאַרווירקלעכט ווערט,
אויב ניט היינט — איז מאָרגן.
און די ווירקלעכקייט זי ווערט
פון דעם טרוים דערוואָרגן.

וואָס איז ווירקלעך, וואָס איז טרוים —
קען איך דיר ניט זאָגן;
ביידע ווערן אין דעם רוים
ווי אַ רויך פאַרטראָגן...

האָלסט דעם היינט אין דיינע הענט,
פילסט זיין זיין מיט אַלע גלידער;
און מאָרגן — אויסגעגליט, פאַרברענט —
אַ טרוים געוואָרן ווידער...

ווייס איך ניט, צו לעבן מיר
אין אויסגעטרוימטן היינט,
צי אפשר גאָר טרוימען מיר —
אין אַ ווירקלעכקייט וואָס פיינט?

טרוים און ווירקלעכקייט, מיר דוכט —
זענעןביידע איינס;
ס'איז דער טרוים דאָס ליכט וואָס שיינט
פון אַלץ אַרויס אַ ריינס...

און פאַר דעם איז ליכטיק אונז
ביי דער נאַכט דער גאַנג,
ווייל עס שטראַלט פון אַלץ אַרויס
דער ליכט־טרוים — דאָס געזאַנג...

גייען מיר געמוטיקטע
אין דער שוואַרצסטער שעה —
ווייל אומעטום, אין יעדע זאַך
אַ פונק פון טרוים איז דאָ,

און מיטן טרוימען־פונק אין האַרץ
שפּרייזן מיר דורך נאַכט צום טאָגן,
ווייל מיר גלויבן אַז אין אַלץ
טרוימען־קוואַלן שטילע שלאָגן.

# ביי דעם ברעג פון ים

אויף דעם ווייסן זאמד, אונטער בלויען רוים,
ביי דעם ברעג פון ים, ליג איך מיר און טרוים.
יעדער וועל מיך רופט, מיט א בלויען זוים
פון דעם גרינעם ים, ווי א פרילינג בוים.

ווארף איך מיך אריין אין צעבליטן ים,
ווער איך אויך א וועל אונטער זונען־גלי,
לאז איך זיך מיט זיי שווימען אין דער ווייט,
ביז איך קום צוריק — פיל איך, אז איך בלי...

פרילינגט און מיר אויף דאס לעבן אויף דאס ניי,
איך דערפיל זיך יונג, זארגלאז ווי א קינד, —
ווען די גאנצע וועלט שמעקט מיט מאנאט מאי
און אויף יעדן בוים שפילט א פרילינג ווינט.

טוליע איך זיך שטיל אין דעם וואסער איין —
דוכט זיך מיר: די מאמע וויגט מיך אויף איר שוים,
אויפן שוועל פון שטוב, אין פארנאכטן־שיין,
זינגט א ליד פון פיין, ווען די זון צאנקט אוים.

און די ווייסע וועלן — דאָס זענען סטאַדעס שאָף,
זאַטינקע פון פעלד גייען זיי אַהיים,
און די מאַמע זינגט — ליולע קינד מיינס, שלאָף,
אימעץ צינדט אין הימל שטערנדלעך געהיים...

ווער איך איינגעדרעמלט אויפן שוים פון ים,
און איך שליס פאַר'שיכור'ט מיינע אויגן צו.
אוים מיט וועלטן-ליידן, אוים מיט גאַזן-סם,
אונטער בלויע הימלען — שווים איך זיך אין רו...

ביז עס וועקט מיר אויף דער אוּנטדיקער ווינט, —
ס'איז ניט קיין צייט פון רו אין א בלוטיק צייט!
ווען טייכן מענטשלעך בלוט שטורעמען אַצינד
פון פרויען קעפ און קינדער, וואָס דער פאַשיזם שניידט...

טרייסל איך זיך אָפּ פון דער פרייד פון טאָג,
פון דער זון, דעם ים, און פון אַלץ אַרום,
און איך גרייט זיך צו צו לייגן אויך מיין קאָפּ,
אין דער ערשטער ריי, ווי א פויגל שטום.

# באַגעגענען די זון

קומט, קינדערלעך, מיט מיר אַרויס
באַגעגענען די זון!
די שטערנדלעך, זיי צאַנקען אויס,
און ליכטיקן געשפּון.

פון אַלע זייטן שטראָמט מיט ליכט
און פאַרבן אַלערליי;
דער הימל בייט זיין גרוי געזיכט,
אויף רויט און גאָלד און בלוי.

און זעט — עס פלאַמען שוין די בערג,
די ביימער און די שטאָט...
פּלעצלעך, קינדערלעך, צענויף די הענט
און טאַנצט אַ קאַראַהאָד!

איר פילט — די זון אַליין —
זי טאַנצט מיט אייך אין ראָד;
אַך, זעט, ווי לויטער און ווי שיין
עס איז איר העלער טראָט!

דריקט איר פעסטער צו צו זיך
לאָזט די זון ניט אַפּ!
טאַנצט און פלעכט זיך איין אין איר
און לויפט אין אַ גאַלאָפּ...

איר זייט שוין מיד? — איר פאַלט אוועק? —
איז צייט צו שלאָפן גיין;
מאָרגן פרי, ביים ערשטן וועק,
מיט אייך וועט זי אויפשטיין...

און ווידער טאַנץ, און ווידער טאָג,
און ווידער צויבער־וועלט!
כל־זמן די זון זי איז מיט אייך —
טאַנצט מיט איר און קוועלט!...

# קינדערלאַנד

קינדערלאַנד, פרילינג צייט,
בלומען בליען איבעראַל.
יעדעס קינד שיינט פון ווייט
ווי פון זון אַליין א שטראַל.

יעדער שפּאַן איז פריש און ניי,
יעדער טראָט איז צויבער וועלט.
ס'איז פאַר אים דאָ אַלעס פריי,
פון דאָס בעסטע אויסגעשטעלט.

שפּילט א ווינט אויף גרינע גראָזן,
און ער בויגט זיי צו דער ערד,
ווערט דאָס קינד ווי זיי צעלאָזן
און ער ווארפט זיך אומגעשטערט.

און ער ווייס ניט פון געפאַרן,
אַלץ פאַר אים איז צו דערגרייכן,
פון די ווייטע ווייטסטע ווייטן,
ביז די הויכע העכסטע הויכן.

יעדער טאָג — איז שפּיל און טאַנץ
אין אַ וועלט פון פרייד און ליכט;
און די נאַכט — אַ בלויער קראַנץ
געפלאָכטן שטערנדלעך געדיכט.

קינדערלאַנד איז אייביק פרילינג,
בלומען בליען איבעראַל,
יעדעס קינד שיינט אַרוים
ווי פון זון אַליין אַ שטראַל.

# אַ רעגנדל

אַ רעגנדל אַ שטילינקער,
אַ דריבנינקער, זיך שטיפּט;
טאַנצט ער אויף די שויבן
פאַר־כוּכעט זיי, פאַרטריפט.

קוקן דורך די פענסטער
קינדערלעך מיט שרעק; —
קלאַפּן דינע טראָפּנדלעך
און לויפן גלייך אַוועק...

און אין הויז אַ כמורנעקייט,
אַן אומעט זיך באַזעצט;
און דער דרויסן קוקט אַריין
פויל, אַדורכגענעצט...

טוליען זיי זיך ציטעריק
צו דער מאַמען צו,
און ביי איר אויפן שויס
געפינען זיי די רו...

ווערט דער רעגן מיט דער גאַס
און די שטוב — פאַרפלויגן;
און אַ זיסער, העלער טרוים
עלימט זיי צו די אויגן...

# וויגליד

שרה הילען

ווען איך וויג דיר מיין קינד אויפן האנט,
און איך זינג דיר א לידל ליו ליו, —
פיל איך, אז די גאנצע וועלט
טוליעט צו מיין הארצן זיך צו.

שמייכלסט אזוי פריש, אזוי יונג,
ניט פארפלעקט נאך פון שאטנס פון צייט;
דיין געלעכטער — א זילבערנער קלונג
פון גלעקלעך, איבער שנייאיקער ווייט...

דיין בליק כשופט מיר איין, —
ווי זון אין באגין בעת ס'טאגט;
איך ווער שיכור פון אים ווי פון וויין,
מיין צער און מיין פיין פאריאגט...

וויג איך זיך שיכור פון גליק
ווען דו אין מיין ארעם שלאפסט־איין;
די הארץ אין מיר ווערט צופליקט
פון פרייד, פון גליק און פון שיין...

## פרילינג-טרוים

טעג גאַלאָפּירנדע,
יונגע, צעשויבערטע —
פליען פאַרביי
איבער מיין קאָפּ;
נעם איך זיך אָן
מיט יוגנט פון זיי
און לאָז מיך פריי
מיט זון אין גאַלאָפּ.

יאָג איך אַריבער
דער זון און דעם טאָג,
עס קומט גאָר קיין נאַכט
פאַר מיר אויף דער וועלט.
אַלץ איז באַגילט,
צעשיינט און צעהעלט,
אַפילו דער שאָטן, דער שוואַרצער,
אויך קוועלט.

צעבליט איז די וועלט
מיט בלומיקן פּראַכט,
יעטווידעס גרעזעלע
אין טרוימען פאַרטראַכט...

און ווינטעלעך שטילינקע
טוליען זיך זאַכט,
אַ כישוף פֿאַרצויבערט
דעם טאָג און די נאַכט.

ווער איך באַקנאַספּעט
מיט לידער ווי בוים,
צעזינג זיך פֿריי
פֿון ספקות־צוים;
אין אַלץ אַרום מיר
פֿרילינגט אין טרוים
אונטער דעם בלענדיקן,
פּרעכטיקן רוים...

# די קובאַנער פאָן

**צום הונדערט יעריקן יובל**
**פון דער קובאַנער פאָן.**

פּרעמירט געוואָרן פון דער קובאַנער רעגירונג
מיט אַ ספּעציעלער אויסצייכענונג: „מעדאַיאַ
קאָנמעמאָראַטיוואַ דעל סענטענאַריאָ דע לאַ
באַנדעראַ דע קובאַ".

ווייס — דיין בלענדיקער טאָג.
בלוי — דער כישוף פון נאַכט.
רויט — פון שקיעה די פּראַכט,
און אַ זילבערנער שטערן, וואָס וואַכט . . .

זי פלאַטערט שוין הונדערט יאָר
מיט ליבע און פרייהייט פאַר אַלע.
גרין און זיס איז דיין היים,
כאָטש גרוי איז דיין שוועל — אַ סקאַלע.

ווייס, שוואַרץ, געל און ברוין —
אַלע ראַסן דאָ מיניען, —
בריליאַנטן ביי דיר אין דיין קרוין,
וואָס גיבן דיין פרייהייט אַ זינען.

עס האָבן די בראַווע קובאַנער
דער פאָן מיט בלוט געלאָזט וועבן,
ווי עס האָט דיין זון, דער באַיאַמער,
פאַר דעם הימן זיין לעבן געגעבן.

צוויי זונען דיין הימל באַלייכטן: —
מאַרטי און מאַסעאָ צוגלייך;
זיי שפיגלען זיך אָפּ אין דיין לעבן,
ווי דער הימל זיך שפיגלט אין טייך.

קומען פאַרוואָלקנטע צייטן,
פאַרדעקן דעם הימל און שטערן,
טעג — אויף נעכט זיי בייטן,
און עס רינט בלוט מיט טרערן . . .

וואַכט אויף דער גייסט פון די זונען, —
פאַרטרייבן די פינסטערע נעכט; —
דאָס פאָלק האָט צוריק זיך געפונען, —
די שקלאַפישע קייטן צעבראָכט . . .

ריזלען קריסטאַלענע פלוסן
פריי אַרוים אויף דיין ערד;
צוויי ים'ען דיך האַלדזן און קושן, —
גאָט האָט זיין קוש דיך באַשערט . . .

# אינהאַלט:

## פ ו י ל ן
(1937)


הערבסט אין שטעטל ........ 11
עס וויינט ניט מער די ווערבע ........ 13
שנײ דו ביזט צעגאַנגען ........ 15
שטאַבין ........ 17
אין דער מאַמעס הייזל ........ 20
כ'האָב געזען דער זון פאַרלבוטיקט אין דעם ניעמאַן ........ 22
איבער די ווישאַנער בערג ........ 24
קינדערלעך מײַנע ........ 27
איך וועל קומען צו דיר ........ 29
פוילן ........ 31
משערוואָני־בור (פּאָעמע) ........ 33


## עַל שבר בת עמי
(קדושים און העלדן)


אויף דעם חורבן פון דער נאָענטער וועלט־קריג ........ 41
דאָסט דער וועלט אַ סך צו זאָגן ........ 43
אַ טאָג פליט אָפּ ........ 45
כ'האָב ניט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין לעבן ........ 46
ס'נאַכט ........ 47
מײַן מאַמע ........ 48
שטעטל מײַנע אונטער פלאַמען ........ 50
דער ווינקלשטיין ........ 51

ווי זאָל איך באַוויינען ........................ 53
דו ביזט אַליין געווען דער מת ........................ 56
דער טאָג איז געקומען ........................ 58
מיט שטאָלענעם פּאַנצער ........................ 60
טרעבלינקע ........................ 62
בנות־יעקב ........................ 64
איך וויין ניט נאָך אייך ........................ 66
קוקט מיר ניט גלייך אין די אויגן ........................ 67
יתגדל ויתקדש שמה רבא ........................ 70
איך וועל שוין פֿון אייך קיינמאָל ניט הערן ........................ 72
צען טאָג אין אלול ........................ 74
די זון פֿון באַגין ........................ 76
וויפֿל מאָל טראַכט איך ........................ 79
כ'ווייס ניט צו מעג איך גאָר איצטער ........................ 81
ווער האָט מיר מיין שטעטל אָפּגעמעקט פֿון מאַפּע? ........................ 82
איך וועל ניט מיין טרויער צעהייבגען אויף פּאַלמעס ........................ 85
פּורים־טאָג ........................ 87
דער פֿאַרשאָלטענער בריוו ........................ 89
כ'האָב היינטיקן פֿרילינג קיין לידער געזונגען ........................ 92
איך וועל אייך דערציילן אַ סוד ........................ 94
עס וויינען די וועלדער פֿון פּוילן ........................ 98
יאוש ........................ 100
שטעט און שטעטלעך מיינע (פּאָעמע) ........................ 102
כאַן לואיס (פּאָעמע) ........................ 108
די קדושים פֿון געטאָ (פּאָעמע) ........................ 115
חנוכּה ליכטלעך ........................ 120
וואו זאָל איך בענטשן מיין חנוכּה ליכטל? ........................ 121
כ'זיך צינדן די חנוכּה ליכטלעך דאָך ווידער ........................ 122
שמחת־תּורה ........................ 124
דער טאָג פֿון זיג ........................ 126

ווען איר וואָלט דערלעבט אָט דעם טאָג ................ 129
אין אַ צייט פון ציקלאָנען .................... 131
ברידער מיינע ........................ 133

## י ש ר א ל

די איינציקע ברעגעס וואָס רופן .................. 139
טריט פון משיח ........................ 141
ליד פון גאולה ........................ 143
געבענטש איז דער טאָג .................... 145
האָראַ ........................... 147
העלדן פון ישראל ...................... 149
איך שטיי פון דערווייטן, און איר דאָרט קעמפט! .......... 153
גוט יום טוב אייך אַלע .................... 155
לאַנד מיינע ישראל ..................... 157
צו מיין שוועסטער אין ישראל (פּאָעמע) .............. 160
לייבן יונגע ........................ 164
נאָר אַביסל בוימל ..................... 166
שיר לחלוץ ......................... 168
מיר זענען די שומרים .................... 170
געווען איז אַ מאַמע פון אידישע קינדער ............. 172
ס'איז שווער פון דער ווייטן .................. 174
ישראל ........................... 175
אונזער פאָן ......................... 176

## פּ אַ ר י ז

פּאַריז ........................... 181
ביי דער סענאַ ........................ 183

פאַרליבטע פאַרלעך ........................ 185
ס׳איז ליכטיק געוואָרן מיין היים ........... 187
עס רוישן די כוואַליעס פון ים ............. 189

# קובאַ

טראָפּישער ווינטער ........................ 193
יונגער באַגינען ........................ 194
טוריסטן ........................ 195
די געטין פון שיינקייט ........................ 197
פאַרליבטע ........................ 198
רחבות־ידיקע גרינע פעלדער ........................ 200
שניטער פון קאַניע ........................ 202
יצחק לייבוש פרץ ........................ 204
פאַטער מיינער אברהם רייזן ........................ 206
לייוויק ........................ 209
אויפן טויט פון אַ חבר ........................ 211
אויפן טויט פון אַ קינד ........................ 213
שטילער באַגינען ........................ 215
מאָרגן־רויט ........................ 217
דער וועג פון דעם דיכטער ........................ 219
ווען עס רוט אין האַרץ די פרייד ........................ 221
יעדער טרוים פאַרווירקלעכט ווערט ........................ 222
ביי דעם ברעג פון ים ........................ 224
באַגעגענען די זון ........................ 226
קינדערלאַנד ........................ 228
אַ רעגנדל ........................ 230
וויג־ליד ........................ 231
פרילינג־טרוים ........................ 232
די קובאַנער פאָן ........................ 234